דער

# בעל שם אין דיא זארנעס

איינע אינטערעסאנטע קריטישע ערציילונג פון אגיוויסן בעל שם וואש האט עקסעסטירט אין דיא פריערע צייטען. הערענד דיא שדים רוחות מלאכי חבלה אונ מזיקים. האבין גיהאט דיא פרייהייט אום צו וואנדערין אויף דער וועלט לאנג אונ בריים נאר אהנע פעסער, אהנע אירגענד וועלכע אנדערע ערלויבניש. דא איז כאראקטעריזירט מעהערער פערשידינע כאראקטערע. אונד איין ריכטיגין סוסטער געליפערט פון יענער צייט אויף מעהרער פעלערין וואש זיינען נאך איין געבירגערט ביי פילע מענשין — גישריבין סאטירעס אונ פערפאסט.

פאן שר״ף.

# ווילנא

בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם מן ראם

שנת תרכט לפ״ק

**ДЕРЪ БААЛЪ-ШЕЙМЪ**

или разсказъ о Евреѣ-чернокнижникѣ.

На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ № №327 и 328.



געבליבין וויא אמלכד אן אקנעלונג · פריערדיקע שדים האט קיינער ניט גיזעהן אונ ניט געהערט אונ מען האט זיך זייער געשראקין פאר זייא · אבער יעדער לומפיגער קרעציגער בעל שם האט גיקאנט פון זייערעהענד ראטירין · יעצט אבער געפינין זיך שדים וואש מען זעט זייא אונ מען הערט זייא · אונ מען שרעקט זיך גאר ניט פאר זייא אונ זייען דאך דיא גרעסטע מזיקים וואש דער גרעסטער בעל שם קען פון זייערע הענד אויך ניט רעטירין · אלזא מאר מען נאך יעצט אויך ניט לאבין פון שדים · נור פון דיא בעלי שמות אליין וואש פאר שטייען ניט צו העלפין נור פון פאלשע שדים אבער ניט פון וואהרע.

1/68319

## דער בעל שם אין דיא זארגעם.

פאר איאר פערציג צוריק האט זיך געפונען אין דער שטאט
קאידניץ א בעל שם. א גרויסער מפורסם. א גרויסער מומחה. אונ
וואר בערופען פאר א גרויסען צדיק. א חסיד. אונ מען פלעגט פון
איהם דער ציילען נסים ונפלאות וואס עס גרוילט צוא הערין. זיין
נאמען האט גיגרייכט פופציג מייל ארום: מען האט אים גערופען ר׳
אהרלע דער בעל שב״ דער נאמען איז געוועזין זא הייליג דאש עס
וואר ביא דעם המון אונ איבער הויפט ביא ווייבער פאר א זינד
גערעכינט אים צו דער מאנען דיא הענד ניט געוואסענערהייט.
עס פערשטייט זיך דאס ער האט זא א נאמען ניט אומזאנסט אונ
ניט גרינג זיך ערווארבען. ער האט יאהרין לאנג געוויזין גרויסע
מופתים. ער האט פוקד עקרות געוועזין. אונ כמה חולאים מציל
געוועזין פון טויט. אונ נאך אזעלכע גרויסע זאכין. ביז ער האט
בעקומען דיא פריווילעגיום אויף בעל שם פון אללע ווייבער אונ
המון. אונ וויא נאטירליך אז דיא אלע ווירקין שוין אויך אויף דיא
איבעריגע זעלבסט אויף דיא קליגערע אדער געבילדעטערע
קלאססע — איבער הויפט אין יענער צייט אז דיא אבערגלויבעריא
איז געוועזין איין געבירגערט ביא אלעמען אהנע אויסנאהמע אונ
דיא האט אויף יעדערין אזוא פיל געווירקט דאס עס פלעגט זיך
שוין יעדערין ווירקליך אב דאכטין דאס ער זעט עס מיט דיא
אויגין. אונ פאסט עס אן מיט דיא הענד. זעלבסט דיא זאכין
וואס עס איז גאר געוועזין ניט געשטויגן אונ ניט געפלויגין דען אזו
שטארק איז דער כח הדמיון דאס ער קאן פאר שטעלין פאר דעם
מענשין וואס איז מיט אבער גלויבין פערבונדין: דיא גרעסטע
שרעקליכקייט פון גארניכט פון אבוים שטעלט ער פאר ביי נאכט
אמענצן

Дозволено Ценсурою 26 Iюня 1869 г. Вильна.

אמענצין אנזלן · פון אציג אטייוויל· און דאס גלייכן ענדליך האט
דער גרויסער בעל שם זוכה געוועזין צו זיין הייליגן נאמען ביי
אלעמען איינע אוים נאהמע ביי גרוים און קליין זעלבסט ביי
דיא גרעסטע רבנים. וויא געזאגט. דאס דער המון און ווייבער
ווירקען אויך אויף דיא גרויסע און קלוגע. און נאך בפרט אמונה
צוא האבין אין אגרויסען צדיק האט יעדער דאך פורכט העריין
מטיל ספק צוא זיין הלילה. ער קאן הלילה פונם זיין אין דיא
גרויסע ערטר · פאלגליך זיינען צוא איהם געפארין אלע קראנקע
אלע אונגליקליכע משוגעים הולי נופלים· עקרות און דעם גלייכען
און מיר האבין נים געהערט פון איינעם דער ציילענדיק דאס ער
זאל האבין יעמאנדען נים געהאלפן· אלטער פאלם איז ער רייך
גיווארין אן אשיעור· דען יעדער פלעגט אים גאנץ ארענטליך
באצאלין. און אויסער דעם פלעגט ער נאך פון יערערין בעטין
נדבות פאר דיא ארעמע לייט פון שטאט. און צוואר גרויסע
נדבות נים ווייניגער וויא ח״י קערבליך. און אין דיא הלוקה
פון די ארעמע לייט פלעגט ער זיך אויך איין רעכענען.

אין יענער צייט האבען נאך נערוגירט דיא שדים די רוחות
דיא מזיקים און האבין געדייסטעוועט זייער שטארק. וויא מיר
געדיינקען נאך וויא היינטיגען טאג דאס מען פלעגט זייא אן
טרעפין אין אלע פוסטע הייזער אין קעלערין אין חורבות. און
איבער הויפט אין דיא הייזער וואס זיינען געוועזין אן מזוזות
(דער המון און ווייבער האבין גיגלויבט דאס דיא מצוה פון מזוזה
איז נים מער צוא היטען דיא הויז פון מזיקין און רוחות—זייא
האבין נים פאר שטאנען איר ווארען צוועק דאס זיא איז נאר צוא
ערמאנערין דעם מענטשין דיא גאטהייט און דיא איינהייט יציאת
מצרים און דאס גלייכין) מיר האבין גיזעהן פיל מאל וויא זייא
האבין זיך אן גיטאן אין מענטשין און פלעגין אים פארפירין אין
פעקלעם און אין מדבריות און וויסטענעם. און איבער הויפט
פלעגין זייא זיך גיפינען גליקליך אז זייא פלעגין אריין קריגין

אהתן



אחתן אדער אכלה. אקינפעטארען אדער אקינד פאר דעם ברית·
דרום איז גיווארין זייער שטריינג ביי אידין דיא שמירה פון דיא
אלע, און נאך אלע שמירות פון דעסט וועגין זיינן דאך פיל מיידלעך
פאר חאפט גיווארין פאר דער הויכצייט פון דיא מזיקים—און
פיל בחורים פון די מיידעלשע פרויען. לילית מיט איהרע טעכטער.
עס האט זיך גיטראפן נאר נים לאנג אין לאיקנעץ מיט אגבירעשע
מיידעל אזוי אסיבה וואס עש גרוילט צוא הערין. דער גביר פון
שטאט ר׳ יאסעל צאפ איז געוועזין אפיינער מאן און האט געהאט
גרויסע גישעפטין. דער צו נאך אהויז פרנסה אטראקטיר אגרויסען
וואס אלע גרעסטע מענארכעש גראפין און אלע גרעסטע אפעצירין
פון דעם פאלק וואס דארטין איז געשטאנין פלעגין דארטין אריין
גיין און פלעגין דארטין מאכין בעדי רעשורסין און הולאנס. קורץ
ער איז געוועזין אגרויסער משופע אין פרנסה· און האט גילעבט
זייער גליקליך. ער האט גיהאט ווייניג קינדער נאר צווייא טעכטער
און איין זון· ער האט גיגעבין דיא טעכטער שינע בילדונג וויא
נאך יענער צייט נאך· דאס הייסט זייא האבין שוין גוט פאר
שטאנען צו לייענען צאינה וראינה און מנורת המאור אויף עברי
טייטש און שרייבען אידעש· און דער צו ריידען רוסעש פוילעש
וואס זייא האבין זיך אוים געלערינט פון קריסטען וועלכע זייא
פלעגין אין זייער טראקטיר אריין גיין. דעם זאהן אבער האט ער
געלאזט לערנען נאר גמרא און פוסקים· אום איהם פאר ארב
צוא קריינען.

פאלגליך האט ער גידארפט מאן אשידוך מיט דיא עלטערע
טאכטער בתיה· וואס זיא איז גיוועזין אגרויסע שוינהייט און
איהרע בילדונג איז אויך גיוועזין צימליך וויא גיזאגט· נון האט עס
ווארשיינליך געניג געדויערט איידער ער האט בעקומען איין
פאסענדען שידוך· וויא נאך זיין יחוס און זיין שטאנד· איבער
הויפט נאך בהינקעם מעלות וואס אין זיינע אויגין האט גאר נים קיין
שיעור און קיין שאץ גיהאט דאפיר צו באצאלן ענדליך האט ער

זיך

זיך אויש גיקליבין אשידוך — דאש היישט אויש גיהאקט אשידוך
פון דר ווייטק פון בארדיטשוב אכציג מיילין ווייט פון זיין שטאט
מיט אגרויסין מיוחס אונ אגביר. אונ איבער הויפט דער איינגעל
וואס ער איז גיוועזין בערופין פאר אעילוי ער איז גיוועזין דאמאלם
אלט דרייצין יאר אונ האט שוין גיקענט טויזינט בלאט גמרא אויס
ווייניג. עס איז אים דער שידוך אן גיקומען מיט בלוט אונ
שוויים. דען ער האט גימוזט געבין פינף טויזינט רובל נדן. אונ צוועלף
יאר קעסט אונ דינגען ארבינפר דעם חתן אונ אם שווערסטין איז
אים אן גיקומען איידער ער האט גיפועלט ביא זיין בתינקען אז
זיא זאל אים וועלין. דען וויא זיא האט אים דער זעהן אויף תנאים
איז זיא גלייך אין חלשות גיבליבין. אונ האט גישריען ניט מיט
איר קולי זיא וועט זיך בעסער גיין טרינקען. דען זיא איז שוין
דאמאלם געוועזין אמיידעל פון אאר צוואנציג דאס הייסט זיא איז
פאר זעסין גיווארין צוא פיל קלייבענדיק שידוכים אונ דער איינגעל
איז געוועזין אקינד פון דרייצין יאהר. אנגעשטופעלטער אונ מיט
בראדעפקעס אויף דאס געזיכט. אנעלינקער. אונ דער צוא נאך
אביסעל הארבאוואטע (הויקערדיק) אונ אויף קרעץ האט מען
דאך אים ניט געדארפט צו בעטן. דען אן דעם האט זיך אין יענער
צייט דאך ניט אנגעהויבין. אונ זיא איז גיוועזין גראדע דער הפוך
אגרויסע שוינהייט מיט אלע מעלות וואס צוא שיינקייט גיהער.
אונ זייער ארינטליכע אצארטע. אונ זיא איז שאן געוועזען מיטין
עזונטען פערשטאנד׳ נאטירליך האט איר זוי איינער ניט געקענט
געפעלן דעם פאטער אונ מוטער אבער איז געווארין זייער ביטער
דאס ערשטע זיי האבין אראפ גיפירט די מחותנים אזוי אמרחק רב
אונ מרבה בהוצאות געוועזין. ווען דער שידוך זאל ניט ווערין
וועלין זיי דארפין די מחותנים בצאלין פינף הונדערט רובל פר הוצאות.
צווייטענס האט זיי זייער לייד גיטאן דעם בזיון פון דיא מחותנים
צוא זעהען. זיי אוועק צוא לאזין וויא די אבגעשמיסענע׳ דריטענס
אונ דאס איזט דער הויפט. עס האט זיא געקריינקט ארויס



צוא לאזין אזוי אאיינגעל וואס האפענטליך וואלטין זייא פון איהם
דער לעבט נחמה אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט. ביא
זייא איז דאס גיוועזין אמציאה׳ אונ אגרויסער גליק וועלכער
דאס אליין האט זייא שוין גיקאנט צוא פרידין שטעלן׳ אונ צוא
דינען פאר אצוועק פאר זייער גאנצין לעבן׳ מער פאר אלס האט
זייא גיקריינקט דעם בזיון פון זייער טאכטער וויא וועלין זייא דאס
קאנען אויס האלטען עס וועט דאך דער מיט דיא וועלט קלינגען׳
אז אמיידיל זאל קאנען האבין אזו פיל עזות אונ חציפות אויש צוא
בראקירען אחתן וואס אין יענער צייט איז דאס געוועזין ניט פיל
ווייניגער אלס כופר צוא זיין׳ ענדליך דיא עלטערין האבין זיך
מיט איר אין אחדר פאר שלאסין אונ האבין איר מיט גוטען אונ
מיט בייזען גימאטערט אונ געבייט ביז זייא האבין ביא איר
גיפועלט זייא האבין איר צוא געזאגט הרים וגבעות אונ זייא
האבין געוויינט אונ גיקלאגט פאר איר׳ אונ אין אנדערין פאל האבין
זייא גישווארין איר קיין גראשין נדן ניט צוא געבן׳ מיט דיא אלע
שטריינגע מיטלען האבין זייא ביא איר בלומרשט גיפועלט׳ נון גאט
זייא דאנק דאש היישט גיפועלט מען האט מיט גרויש שמחה דיא
זאכע גישלאסין אונ קירצליך האט מען דיא חתונה גימאכט מיט
גליק עש איז גיקומען דיא וואך פאר דער חתונה האט מען יעדען
טאג גימאכט אמלצייט פר ארימע לייט ניט ווייניגער דריי הונדערט
פערזאן צוא יעדען טאג האבין זיך ביא זייער טיש גיפונען׳ אונ מען
האט גיטיילט גרויסע נדבות מען האט גישאטין געלט וויא פלעוועש׳
דיא עלטערין אירע האבין זיך אליין בעמיהט צוא טיילין דיא
געריכטין אונ נדבות דיא ארעמע׳ אונ דיא שמחה פון זייא איז
גיוועזין אן אברעג דאש ערשטע זייא האבין זוכה גיוועזין זייער
טאכטער בתינקען אונטער דער חופה מיט פארגיניגין אונ עשירות
צוא פירין׳ דאס צווייטע זייא זיינען ארויס פון אפארלעגנהייט מיט
אצוואנציג יאריגע מעדכען וועלכע אין יענער צייט איז עס גיוועזן
איינע פון דיא שענדליכע זאכן׳ דאס דריטע איבער הויפט אז זייא
דאבי

האבין זוכה געווען צוא קריגין אעילוי פאר זייער טאכטער וואס
זייא מעגין זיכער זיין מיט אים אויף דער וועלט און אויף יענער
וועלט מיט נחת׳בתינקע אבער איז געזעסין וויא אונטערין וואנד
זייער אומעטהיג און פאר ווייגט׳ דיא מוטער זאגט צום פאטער
וואש פאר איארב איז דא אונזער בתינקען זעה וויא זיא אויש
זעט׳ זעה וויא זיא איז וויא אונטערין וואנט ארונטער׳ בייא דוא נאר
רופט ער זיך אפ צוא איר זיא איז דאך אכלה הארט פאר דער
חתונה אביסיל שעמט זיא זיך אביסיל דער מאנט זיא זיך דיא
ערשטע מרים און דיא גרעסטע וואס זיא מאכט אויף איר לעבין
פאר שמייט זיך אז עש שרעקט זיך איר אביסעל דאש הארץ
אנאווינע דאש איז וויא זיינען אלע מיידליך צו דער חתונה׳ענדליך
עש איז געקומען דער גליקליכער טאג פאר דער הויכצייט מען
האט פלוצלונג באקומען אשטאפעט פון די מחותנים אז זייא זיינען
שוין אין שלאק דריי מייל פון לאיקניץ און בעטין דיא מחותנים
אנטקעגין הערוים צוא שיקן׳ נאטירליך איז געווארין שמחה וששון
מען האט גיהאפט כלי זמר און מען איז ארוים גיפארין מיט קאראטין
עקיפאזין זייא אנקעגין צו עמפפאנגען מיט גליק׳ דער מחותן האט
זייא גיבעטין דאש זייא זאלין ניט ווארטין אויף מארגין ארייין צו
קומען וויא דיא מאדע איז נאר היינט צו קומען אום דעם מאדען
מאל (דיא נאכט פאר דער הויכצייט איז געווען אמאדע צו מאכין
אמאל וואס מען האט עס גערופען מאדין מאל) צוא זאמען מיט
פארגינגן צו פייערין. קורץ זיי זיינען ב״ה אלע צו זאמן גיקומן אין די
שטאנציעש וועלכע מען האט פאר זייא אן גיגרייט און עש איז
שוין די גליקליכע נאכט גיקומן וועלכע זיי האבין איר צוואנציג יאר
ערווארטעט שמחה וששון מען שפילט מען טאנצט מען זינגט מען
עסט מען טרינקט עש איז געווען גרוים טומעל געפילדער
געשריי גיראש דען גאנץ שטאט מיידליך און יונגע ווייבליך זיינען
אלע געווען אויף דעם מאל גילאדין און ווער וועט זיך לאזין
בעטין אויך אזוי אמאל ניט צוא גיין מען האט זא איינעם ניט אפט





און זא גאר זייער זעלטען. פון גרוים טומעל און געפילדער האט
מען זיך אן דיא כלה גאר פארגעסין און עש איז אלעמען פון זינען
ארויש אז היינט דארף זיא שאן האבין די גרעשטע שמירה מען
דארף אנהויבען צוא גיין כשר טאנץ דען אזויא איז געווען דער
מנהג דאמאלט צוא פירען דיא כלה כשר טאנץ דיא נאכט פאר
דער הויכצייט. דאס הייסט צום מאדען מאלי הויבט מען אן צוא
קלאפין צוא שרייען איין צוא שטילן דעם גיראש פון דעם עולם
אום כשר טאנץ אויש צוא רופין מען האט שוין איינינער מאכין
איין גישטילט דעם עולם מען הויבט אן צוא שרייען כלה! כלה!
וואו איז דא דיא כלה? ניטא קיין כלה! מען זוכט מען אקערט
אין אלע צימערין אין אלע נאר מעגליכע ערטער׳ ניטא קיין כלה
אגיוויין אגישרייא אלארעם׳ די עלטערין האבין גלייך פאר שטאנען
אז דא האבין זיך דיא מלאכי חבלה ארייין גימישט׳ נון זייא
שרייען ווייגן קלאפין זיך קאפ אין וואנט׳ איאמער אקלאג ביז אין
הימיל׳ מיט זייא נאטירליך האבין אויך מיט גיוויינט דיא גאנצע
פאמיליע און דיא מחותנים און די אלע האבין גימאכט וויינינדיק
דעם גאנצין עולם עש איז געווען שרעקליך צוא זעהן און צוא
הערין דעם קלאג פיל מער אלם אויף איין טויטן׳ אלע שרייען
ניט מיט זייער שטים׳ גיוואלד אקארשט פון דיא הענט ארויש
גיהאפט מען זעט בעוונותינו הרבים אז מען האט איר אליין בידים
אוועק גיגעבין דעם טייוויל אין דיא הענט. א! וויי! וואו זעט
מען דאש אז דיא נאכט זאל ניט זיין בייא אכלה אבאזונדערע
שומרת׳ע קורץ מען וויינט מען שרייט מען לויפט אהין מען לויפט
אהער זיא איז ניטא! דער פאטער ר׳ יאסעל איז גאר אוישען זינען
כמעט גיווארין ער ווייש ניט וואש צוא טאן און וואו צוא פאלן׳
די ווייב אבער זיא איז גיוועזין אביסעל שטארקער אין נאטור פאר
אים׳ און איז נאך ביין זינען גיבליבין אין איר אלזא איין גיפאלין
אגלייבע זאך לייפט זיא ארייין צוא ר׳ יאסלען און זאגט צוא אים
מיין מאן! איך ווייש שוין וואש פאר אגרוישין פר זעהן מיר האבין

גימאכט מיר האבין דאך אביסעל דעם בעל שם פאר געסין צוא בעטין אויף התונה' זאל דאש נאט אונז ניט רעכנען פאר אזינד. מיין לעבין זאגט ר' יאסעל צוא איר שמייך וויא מיינסטו איך האב פאר געסין אן אזוי אמענטשין עש איז מיר גאר אפילו ניט ארוים אמינוט פון זינען איך האב גירעכינט מארגין ואור ניין וועל איך לאזין שפאנען אטראיקע פערד אין אקארט און שיקין נאך אים. וויא דען? זאגט זיא ניין מיין מאן! ניט דאש מיין איך מיר האבין אים ניט גישיקט פאר אונזער טאכטערס לעבין און גיזונד ביז דער דאטע קיין פעניג וויא מיינסט דו אז מיר וואלטין עש לאנג גיטאן וויא דיא כלאבי הכלה וואלטען שוין שליטה גיהאט אויף אונזער טייער קינד' קיין ספק בייא מיר אז דאש איז אפשר מיט זיין ידיעה פאר דעם חטא וואש מיר האבין זיך אן ארעכטע מצוה וויא דאש פר געסן. דו ביסט אפשר גירעכט מיין ווייב. האפ אטראיקע פערד און שיק נאך אים און גיב מיט דריי הונדערט קערבליך פר ארימע דארטין צוא טיילין דורך זיין האנד און אים וועלין מיר דא בעפרידיגין און מען זאל אים דיא מעשה גלייך דער ציילין פילייכט וועט ער דארטין דארפין אפשר וואש טאן דער צוא איך מוז דיר זאגין מיין לעבין אז איך האף אז ער וועט אונזער קינד ארוים ראטירין קענין קען ער געוויש. עש פר שטייט זיך אז עש איז גיווארין אומר ועושה מען האט עש אלס אין צוויי שטונדען באוויזין אב צו טאן און אין קאדניץ איין צו טרעפין מען איזגיקומען דארטין דריי אור פאר טאג דאש איז גיוועזין גראדע הנוכה. דיא שטאט שלאפט עס איז נישטא קיין לעבעדיגע זעלע מיט וועמען זיך אויף צוא ריידין און צוא פרעגין וויא צוא קומען צום בעל שם אין מיטין דער נאכט נאטירליך האט מען אוים גערעכט אויף דיא רייזע אפאר אריינטליכע לייט געמליך דעם מגיד פון לאיקניץ און אברודער ר' יאסעלש זייא האבין זיך איבער גערייגט אזוי וויא דא צוא טאן וויא וועקט מען אזוי אמענטשין פון שלאף ענדליך רופט זיך אב דער מגיד צו ר' יאסעלש ברודער פקוח נפשות איז דוחה אלש





מען מאג זאגאר מחלל שבת איבר פקוח נפשות בפרט נאך אזו אזאך דר צדיק וועט אויף אונז קיין פאריביל ניט האבין און בפרט מוז איך אייך זאגין אז בייא מיר איז קיין ספק אז ער וויים פון דער זאך און דאש איז מיט זיין ידיעה. גיטאן גיווארין' פאלגליך האבין זייא זיך דערוואוינגן און האבין אן גיקלאפט ביין בעל שם ער האט זייא גילאזט עפינען און האט זייא מקבל גיוועזין בסבר פנים יפות. ער האט פאר שטאנען אז פון ר' יאסעלן וועט ער דעם מאגין ניט קיילע מאכין זייא האבין איהם דער ציילט דיא שרעקליכע געשיכטע. ער האט זיך אבער זייער גוט גיקאנט האלטין. קלוג וואר ער זייער און האט גאר ניט גיוויזין פאר זייא קיין התפעלות עם האט אויש גיזעהן זייער ריכטיג וויא זייא האבין משער גיוועזין אז ער ווייס פון דר מעשה זיי האבין אים דר לאנגט די דריי הונדערט קערבליך פר חלוקת עניים און האבין אים גיבעטין גלייך מיט פארין זאגט ער ניין קינדערלאך אזויא אזאך מאכט זיך ניט וויא עם רעט זיך עש מוז האבין הכנה און צוואר גרוים הכנה. איך מוז צו דר זאך גיין דריי הונדערט מיט צעהן טבילות אום נאר צוא וויסען אין וועלכע הענט זיא איז שוין איבער גיגעבין ניט אלץ ווערט מיט מיין ידיעה אליין גיטאן איך קען אייך ווייטער ניט זאגין. און פאר בייסט דעם צונג נאך העד זאגט ער זייא איר מוסט אב ווארטין ביז דאש מארגענש דאש הייסט ביז נאך דעם דריטין האן קרייא' זייא זיינען זיך אוועק אויף זייער שטאנציע וואו זייא זיינען דארט פאר פארין און דר בעל שם האט מהסתם אן גיהויבין טאן זיין זאך' נון לאמיר לאזין דעם בעל שם זיין זאך טוענדיק און גיין צוא ריק צוא אונזערע אונגליקליכע עלטערין זייא האבין דאך ניט גיקאנט רוען זייא זיינען גילאפין איבער פעלדער און וועלדער אין אלע חורבות און קעלערין זוכענדיק זייער טאכטער: עש איז נישטא קיין שפור זייא גייען צוא ריק פאר טרויערטער הייט עש האט שוין אויש גיטאגט עש וואר שוין רעכט ליכטיג. מיט אמאל זייא גיפינען אויפין וועג אירע אטיביל נון קאן מען זיך פאר שטעלין

אין וואש אפארווירונג אצומיסונג זייא זיינן געבליבין זיי האבין אויף
דער וועג אן גיפאנגין צו זוכין שפייען שמעקין עש איז ווייניג צוא
דער קענין אשלאד פון וועג ווייל אשנייא איז פריש ארויף גיפאלין
יעדאך עטוואש האט זיי גיפירט צייכינש פון פיש אין אנדער זייט
וועג ליגנקם אראפ צו איינען שייער וווא מען דרעשט תבואה, זייא
זיינען גיגאנגען ביז אהין זייא זעהען אין שייער אבלאסק פון פייער
דורך דיא שפאלטין פון דיא קליינע פענשטר · זייא איז דאש זייער
אויפאלענד. גיווארין דען זייא ווייסען דיא צייט פון דרעשין איז
שוין מיט צווייא שטונדען צו ריק פערבייא אונ נאך מער איזו זייא
וואונדער באר גיווארין אז זייא זיינען צום טיר פון דעם שייער
צוא גיטראטין אונ האבין אים געפונען צוא גישלאסען וויא אזוי
קומט זע איינעווייניג פייער זייא האבין זיך מישב גיוועזין זאל
גאט מאבין וואש ער וויל מיט אונז מיר מוזין פרובירין זעהן וואש
דא איז זייא האבין שטילער הייט דארטין באקומען אויף וואש זיך
ארויף צו שטעלין אונ ר' יאסעל איז ארויף גיקראבין שטילער הייט
דערויף ביז ער האט גינרייכט דעם קליינעם פענשטעריל וואש איז
אין דער הויך ער האט פריער גיזאגט שמע ישראל דריי מאל אונ ויהי
נועם זיבין מאל אונ האט זיך אזו דער וואוינין אריין צו קוקין אין
ווייניג עס איז זיך ניט פאר צו שטעלין וויא עס איז זיין פרויא אין
דעסין צום טוט געוועזין זיא איז געוועזין אין איינע ציטערנעם
פילייכט הלילה פאר לירט זיא דעם מאן אויך דאבייא· אבער וואש
העלפט עס וויא גיזאגט אמאן אוייב באקומט מען איין אנדערע
אבער ניט אזוי אבתינקען· טראכט זיך ר' יאסעלם פרויא · ר' יאסעלע
גיט אקוק דורך דיא קליינע שייבעלע פון פענשטעריל אין שייער
ער דר זעהט אבלאסק פון איין אפעצירסקע שליפע איז ער פר שרעק
אראפ גיפאלין אונ זאגט צוא די פרויא שלעכט דארטין זיינען גיווים
דא בת לצנים ·. א! איך האלט ניט אויש! וואש האשט דו דארטין
גיזעהן מיין לעבין? זאגט זיא צוא אים א! איין אפעצירסקע שליפע!
וויא קומט דא אפעצירין? זייא שטייען ביידע אונ ציטערין אונ
האבין



האבין פורכט ווייטער צוא קוקין זאגט זיא צו אים מיין לעבין וואש
טויג אונזער לעבין אן בתינקען זא וויא זא איז שוין נישט לאמיר נאך
אמהל פרובירין זעהן· זיא אבער גייט אליין ניט דער לעבין איז ליב
זיא שיקט ר' יאסלען ער פאלגט איר אונ גייט ארויף נאך אמאל
ער דער זעט בתינקען זיצין דיק אויף אדרעש וואגין· פון שרעק
האט ער גיגעבין אגישרייא גיוואלט בתינקע ! האט זיא זיך דארטין
אויך דער שראקין וויא זיא האט איר פאטערש שטימע דער קענט
האט זיא פון אינפעט גיגעבין אנישרייא גיוואלט פאטער ! דיא
מוטער האט נאטירליך דרייא מאל אזוי פיל געשריען דער הערינדיק
איהר טאכטערש אונ איר מאנש גיהאלדין· קורץ עס איז געווארין
אגיוואלד איבער אגיוואלד אונ אגיוויין איבער אגיוויין· דיא פון
דרויסין אונ דיא פון איגעווייניג מיט אמאל עפענט זיך דר שייער
אונ זייא זיינען אריין געפלין אהין זייא געפינען בתינקען דארטין·
נוא קושען זיך נוא האלדין זיך וויינען אונ קוסין קוסין אונ וויינען
מיין קינד וויא קומסט דוא אהער ווער האט דיר גיבראכט דער
גוטער יאר מיר האבין דיר אליין פאר זעהן וואש מיר האבין דיר
דיא שרעקליכע נאכט ווייניג שמירה, גיגעבין בתינקען איז דא
גיווארין אליכט אין דיא אויגין וויא זיא האט שוין דעם תירוץ
פאר אויש פון זייער מויל הערויש גיכאפט א! טייערע עלטערין!
דיא מלאכי חבלה האבין זיך מתקנא גיוועזין אין מיר אונ האבין מיר
ארויס גיכאפט אונ גישלעפט איבר פעלדער אונ איבער וועלדער
אין אלע פיעקלעש מאהילניקעש אונ להבדיל בית עולמס האבין
זייא מיר אויש גישלעפט ביז צום דריטין האן קרייא האבין זיי מיר
דא אוועק גיווארפין נון זיי ווייבן שרייען פון גרויש פרייד טייערע
טאכטער האבין זייא דיר ניט מזיק גיוועזין· ניין ב"ה דער זכות
פון אייערע צדקות האט זייא ניט צו גילאזין מיר שלעכטעש צו
טאן· וואש האב איך גיזעהן אבלאסק פון אשליפע דורך דעם
פענשטעריל פרעגט איר ר' יאסעל? א! פאטער דאש איז גיוועזין
זייער שר זעלבער ער האט זיך באוויזין פאר מיר ווארשיינליך
פאר

פאר דיך אויך אין אפעציר׳שקע קליידער. ער האט מיך מער ניקוועלט
וויא אלע רוחות נון לייפין ויי צו הויז מען לויפט אונ מען קושט מען
ווייגט מען פרייט זיך עש איז אלעש בענאנד גיוועזין מען איז אזוי
גיקומען ביז אויף דעם גאשצינייץ אויף דער וועג וואו דער בעל שם
דארף קומען מיט אמאל דער בעל שם פארט שוין אנישריא אלארעם
האלט! האלט ! זיי זיינען אלע צו גיפאלין צום בעל שם רבי לעבין
מיט וואש זאלין מיר אייך אב דינען אונ מיט וואש אב דאנקען ער
איז קיין נאר ניט אונ שוייגט אבישיל צו ער לאזט זייא ווייטער
ריידין קורץ זייא האבין אזוי לאנג גירעט ביז זייא האבין אים
פאר ציילט דעם שרעק פון דיא שליפעש וואש זייא האבין דארטין
אנפאנגם דער זעהן זאגט דער בעל שם דאש האב איך גיטאן פון
אייער כבוד וועגין ניט צוא לאזין איר איבער צו געבין אין פראסטע
הענט בחיז אין זייערע שרים דען ער האט שוין זייער גוט פון
זייער אלעמענש רייד פארשטאנין וואש דא ווער דיא נעשיכטע
אונ וויא דיא זאך צו לייגקען זאגט ער איך האב נאר אויף אייך
רחמנות געהאט ׃ ׃ רבי לעבין זאלט איר געזונד זיין וואש פאר
אתמא ? נור בעונותינו הרבים ווייניג זינדיג איז מען, נור מיר מיינען
וואש איז דער הויפט חטא וואש מיר זיינען איצט דער מיט
גישטראפט גיווארין דאש איז וואש איר האט אייער קינד גיהאלטין
אזוי לאנג אן אמאן איז פון דיא שלעכטע גידאנקין דאש הייסט
ההורים דעם גיבארין גיווארין אזעלכע מזיקים אונ מלאכי חבלה
וואש האבין גיהאט כח איר יעצט שלעכטעס צו טאן אונ דאש
פאר שטייט זיך וואשערע בילדער זיא האט גיהאט אין אירע
ההורים רעים אונ אין אזעלכע בילדער האבין זיך איר פאר
גישטעלט דיא מלאכי חבלה וואש זיינען גיבארין גיווארין פון דיא
גידאנקין אירע איך קען אסך מזיקים וואש זיינען פון אירע ההורים
גיבארין וועלכע זייא זעהען אויש וויא פריצים וויא אפעצירין אונ
אזוי האט אויך אויש גיזען איהר יעצטיגער מזיק איז דאש ריכטיג
זיין טאכטער ? ריכטיג רבי לעבין וויא אהאר ! זיא איז גיוועזין





גענג קלוג מיט אים. דיזע ראלע אין ערענשט מיט צו שפילען
אונ האט נאך פארציילט ראיות צוא זיינע רייד׳ ענדליך זיינען
אלע מיט דיא גרעסטע פריידע העכשט גליקליך אונ צוא פרידען
גיקומען צוא דיא איבעריגע מחותנים׳ אונ אלע האבין מיט גרויש
ערשטוינונג אונ שרעק דיא געשיכטע אויש גיהערט אונ עש האט
ביא יעדען אין הארצין איין ביזעם איינפלום גימאכט אונ איין
בייעם שרעק פר די רוחות. וויא מען האט שוין דאם מאל ערפארין
האנט גריפליך וואס זייא קענן׳ עש איז דאדורך פאר שטארקט
גיווארין דיא אמונה אין דיא אלע אבערגלויבישע ערציילונגען
וועלכע טעגליך ווערין פה מערט איבער רוחות מזיקים אונ מלאכי
חבלה׳ אונ דיא זאך איבער הויפט וואש אלע כמעט האבין זיך
דער פון איבער צייגט דיא ווארהייט פון דעם׳ האט באקומען
גרויסע פליגלען , אונ אין אקורצע צייט האט זיא באוויזין דורך
צוא פליען דיא גאנצע וועלט . איבער אלם האט מען איר אן
גינומען מיט גרויש כבוד אונ פורכט יעדער האט איר זייער
פריינדליך באהאנדעלט יעדער האט איר נאך מיט גיגעבין פון
זיינע אויפין וועגי יעדער האט איר דער לייגט דאפעלט זוי דאם
ענדליך וויא זיא איז צוריק גיקומען אין איר גיבארענעם ארט האט
איר קיינר ניט דר קענט זיא האט שאן אוים גיזען הונדערט מאל
אזוי גרוים אונ אזוי גראב ׃ זיא האט שאן נאר בעקומען גרוישע
שרעקליכע איברים אנדערע אויגען אונ אויערין אנדערע הענט
אונ פיש. קורץ גיזאגט זיא איז גאר איין אנדערע גיווארין אויסער
דעם האט זיא אין דיא קורצע צייט פיל קינדער גיבארין ביז פון
דיא איין מעשה איז גיווארין נאך אגאנצער דור מעשיות אונ
טויזענדע צוא ציילין אונ זיא וואר וויא אגוטער קוואל וואם הערט
ניט אויף צוא פליסען וואסער אימער. פיל מענשין האט זיא פאר
אונגליקט פיל דאגעגען בעגליקט פיל געווינערינם קראנקע שוואכע
וואם האבין זיך דורך איר פר גאר ניכט דער שראקין אונ דאדורך
קראנק גיווארין אונ מאנכע נאך גישטארבין אבער דאגעגען האט

זיא אלע אבער גלויבער גליקליך גימאכט זיא האט זייא גינעביו גוטע שטאף צו זייערע ארבייט אונ וואר פאר זייערע יעדען איינע נייע שטיצע אונ איינע טייערע גיוועהר געגין דיא אפיקורסים וואש שטרייטען געגען זייערע יעדען . נאך מער האט זיא אבער גליקליך גימאכט דעם בעל שם . דען זיא האט אים גימאכט איין נאמען איבער דער גאנצער וועלט אונ דער נאמען האט אים גיבראכט פיל כבוד אונ געלד׳ ער האט אויש גיזעהען ביין המון אונ ווייבער גרעסער וויא אתנא אדער גאר וויא אנביא זייא האבין אים גיהאלטען ניט קלענער פאר דעם מלאך גבריאל . פיל האבין דר צוילט דאש זיי האבן אויך ווירקליך גיהערט דר צוילנדיק דאס דיא מלאכים זיינען ביא אים וויא דיא משרתים ער שאפט זיך מיט זייא וואס ער דארף׳ דיא שטייען פאר זיין טיר מיט גרויס רעספעקט אונ דאס גלייכין אזעלכע ספורים וועלכע זייא האבין אים פאר געטערט׳ דיא אלע ספורים זיינען ווירקליך גיוועזין פאר אים גוטע מלאכים וואש פלעגין פליען אין דער גאנצער וועלט אונ זאמלען פאר אים געלד לרוב אונ כבוד אן אשיעור׳ אונ עס זיינען פיל יארין פערפלאסען גיווארין אין דיזעם צו שטאנד, וועלכע זייא האבין אים געגליקט אונ האבין אים אימער גיהויבען אויף איינע העכערע שטופע׳ דער מענש אבער האט גאר קיין זעט ניט גיהאט אין געלט׳ אונ יע מער ער האט בעקומען דעסטא מער האט ער גיוואלט אונ האט גיזוכט אלע מיטעלען אן צוא ווענדען זיין געלד גייציקייט צוא ערפילען׳ ער האט גיווארפין איין אויג אויף אגרויסען גביר וואס האט גיוואונט צוואנציג מייל ווייט פון אים אין די שטעטיל קאדעלץ זיין נאמען איז גיוועזין אביגדור קרוצאק דער מענטש איז גיוועזין אונגיהייער רייך אונ אונ גיהייער קארג עס האט ר׳ אהרלען זייער פאר דראסען ווארום זאל דער גראבער יונג זיך אויס ציבענען פון אלעמען אונ אויס זאנדערין זיך קיין פעניג אים ניט צו שיקען וויא מאכט זיך דאס ניט אין אזוי אהויז קיין קראנקע קיין געווינערין עפעס אצרה אונ דאס גלייכען אונ ער





זעט קיין מאל ניט פון אים אנראסין . ער האט זיך מישב גיוועזין אונ האט גימאכט אריינע נאך קאדעניץ׳ אונ איז פאר פארין צוא דעם אביגדורין אין קרעצמע. ער איז ארעין גיפארין מיט גרויש פאראד מיט דרייא משרתים גבאים אונ האט זיך אב גינומען דרייא צימערין באזונדערע דער אביגדור האט גיגלויבט דאס עש איז צוא אים פאר פארין אגרויסער גביר אסוחר׳ עס האט אים זייער גיפרייט אונ האט זיך גיטראכט איך האב דא גיהאפט אהעכט איך וועל שאהן דא שנידין אפאם דען דאש איז גיוועזין זיין מאדע צוא בערייסען דיא אורחים וואש פלעגין צוא אים פאר פארין אונ זייא בדלות צוא שטעלין ער איז גיוועזין איינער פון די בערופענע גוטע בעלי אכסניות וואש גיבען דיא אורחים קדחות אונ ציען זייא ארונטער דיא הויט נאך דעם איינער פון דיא גבאים איז ארין אונ האט גיהייסען אויף שטעלין מיטאג קאפע מאכין געריכטען אונ דאס גלייכין ער האט מיט פערגעניגען שטרענג בעפעלט אויף זיין פרויא אונ זיינע דינסטען אלעם צוא בעזארגען אין דעסען גיט ער שלום עליכם דעם גבאי אונ פרעגט אים גלייך ווער איז דאס דער סוחר אונ פון וואנענט איז ער ענטפערט אים דר גבאי גאט איז מיט אייך דאש איז דאך ר׳ אהרעלע דער בעל שם וויא ער האט דאס דער הערט איז אים פינשטער גיווארין אין דיא אויגען אונ איז גיבליבין קאלט ער טראכט זיך געוויס וועט ער דאך ניט באצאלין פאר קוואטיר אונ עסין וויא דער שטייגער איז פון דיא שנארערס עס וועט אים דא קאסטין אגוטער גראסען אזעלכע פיר מענשין צוא קארמענען אונ ווער ווייס וויא לאנג זייא וועלין דא זיצען עש איז אים גיווארין זייער זויער אונ האט שטילער הייט גיהייסען דיא הויז גיזינד אז מען זאל גאר ניט מאכין פאר זייא מען זאל זייא גאר קארמענען מיט תירוצים׳ עס גייט אוועק אשעה אונ צווייא שעה דיא גבאים רייסען צוא מען זאל ארייך טראגין קאפע שנאפס ווין פאר בייסגנס מען ענטפערט זייא גאר ניט זייא האבין אבער שטרענג נאסטאיעוועט איך דיא הויז געזינד האט מען זייא אן

גיהויבען געבין תירוצים דאס איז ניטא דאס איז זויער דאס איז ביטער גיווארין דאס איז מילבּיג דאס איז טרייף גיווארין קורץ זייא בעקומען גאר נישט עש האט זייא אלעמען זייער שטארק גיברענט דיא מעשה אונ ר׳ אהרעלען נאך מער נון זאגט ער קינדער מיר זאלין זיך נעמען צו אים צוא דעם גראבין יונג זייא האבין באקומען אגילעגענהייט צוא קריגין אן אוייט דעם אביגדורס אאיינ׳קיל אצוויי יאריגען קינד אונ האבין אים בעכשפעט אונ דאס קינד האט אן גיפאנגען שרייען נים מיט זיין קול עס וואר אים גאר נים איין צוא שטילען עס איז אזוי אוועק אשעה אונ צווייא אונ דרייא שעה דאס קינד צוא רייסט זיך שרייען דיק עס איז גאר נים צוא גיפינען קיין אנדער מיטעל שידין וויא צוא צופאלין צום בעל שם דאס קינד איז גיוועזין בייא זייא זייער טייער ער איז גיוועזין דער ערשטער איניקל בייא דעם אביגדורען פון זיין בת יהודה וואס וואר אים טייערער אלס זיין אויג זייא האבין שאהן גוט פארשטאנען דאש דיא שדים וואס זיינען מיט דעם בעל שם גיקומען האבין דא גיטאבט אשטוקע אונ זייגען אלזא צוא גיפאלין צום בעל שם דיא גבאים האבין זייא אבער נים אריין גילאזין צוא אים מען קען איצט צום קדוש נים אן קומען עס האט אזוי גידויערט נאך אשטונדע וואס זייא האבין אנגעווענדעט אלע קרעפטין זיך אריין צו שפארין צום בעל. שם דיא גבאים האבין אבער נים צוא געלאזין ענדליך האבין זייא געזאגט דאס דער קדוש האט גיזאגט דאס ער קאן נים לאזין זייערע לייטען קוקען אויף זיין געזיכט דען זייא זייגען גרויסע חוטאים אלזא האט זייא. גיגעבין איין גבאי אעצה דאס זייא זאלין דאש קינד מיט אגבאי אריין שיקען וועט שוין זיין רעכט קיין גבאי אבער האט נים גיוואלט איבער נעמען דאש גישעפט ביז זיי האבין איהם גיגעבין צעהן רובּ״ל דאפיר ׳ דאס איז צעהען באק צייגער ר׳ אביגדורם אוים געריסען ער האט גענומען דאס קינד אונ האט אים געלאזט ארום וואשען אונ איין גיוויקעלט אין אטלית מיט אמפה פאר גארטעלט אונ האט אים אזוי צום בעל. שם אריין גיטראגען עס איז





זיי זייער גיפעלין גיוועזען די פאראד צו זעהען וואס מען מאכט מיט אזוי אקדושה אויף זייער קינד דער בעל שם האט גלייך אים אן גיטאן אקמיע אונ אגב האט ער ארוים גענומען דיא שפילקע פון זיין גיזעס וועלכע דיא גבאים האבין אריין גירוקט אונ האבין דאש קינד צוריק אב געגעבין דיא עלטערין שביל אונ רוהיג נון איז אויף זייא גיפאלין אגרוים מורא אונ שרעק פאר דעם הייליגען מענשין מען האט גלייך אן גיהייבין צוא שיקען עסין וואריג געטריינקע אונ וואס אמיל קען ריידין דער בעל שם אבער האט געשיקט זאגין דאס אים קומט דאפיר דרייא מאל ח״י רובּיל וויא ר׳ אביגדור האט דאס דר הערט איז אים גיווארין ביטער אצרה פיר אונ פופציג רובּיל זאל איך איהם געבין ! ער שרייט גיוואלט ! נון זאגט ער עס מעג דא זיין וואס עס איז איך וועל מער אז ח״י רובּיל נים געבין קורץ עס האט אים גישפריצט בלוט פון דיא אויגין ער האט קוים אב גערונגען אויף צווייא מאל ח״י רו״ב דער בעל שם אבער וואר נאך דאבים נים צוא פרידען אונ האט אלזא גיהייסען זיינע שדים זייא זאלין מאבין נאך אשטוקע מיט דעם מענשין וויא ער האט זייא נאר גיגעבין רשות אונ דיא שליטה איבער אים האבין זייא מהסתם גימאכט וואש זייא האבין גיוואלט מיט אמאל מען דער הערט בייא נאכט אגיוואלט אגישרייא אין הימעל פון שרהלען דעם בעל הבית בת יהידה פון איר שלאף צימער זיא האט אויש גישריען אגיוואלט נים מיט איר קול עס זיינען אלע אריין גיפאלין צוא איר נים טויט נים לעבעדיק מען געפינט זיא הלשט פאר שרעק נוא זייא וויי׳ען שרייען מינטערין ראטעווען מען האט איר קוים אב געמינטערט שרהלע אונזער לעבין וואש איז דיר אונזער אויג פון קאפ זאגען זייא צוא איר דיא עלטערין. א ! טאטינקע ! ראטעווע ! נים גוטע ! שדים ! מלאבי חבלה ! גיוואלט ! זיי האבין זיך שאהן צוא מיר צוא געצעפעט . א ! איך האלט נים אוים אונ פאלט אזוי ווייטער אין אונמאכט קורץ אגיוויין אגישרייא אקלאג אין הימעל מען לויפט צום בעל שם מען שרייט ראטעוועט ! דיא

נבאים לאזין צוא איהם גיט צוא דער מינטערט איר דער ווייגט אונ
שרייט פאר דעם בעל שעם מיר מען בעט זיך ביא די נבאים
מיט התנוגים אונ גיוויין גיהאלט ראטעוועט זייא זאגען אבער וויא
קאן מען דעם רבין אויף וועקין פון שלאף עס האט אזוי גידויערט
ארעכטע צייט ביז ר׳ אביגדור איז גיפאלין אויף אשכל צוא דער
לאנגען די נבאים חיי קערבליך אונ דאס האט שאהן גיהאלפען
צום בעל שם צוא צו לאזין אינ די חיי קערבעלעך האבין שאהן
בכח גיהאט דעם בעל שם די אויגען אויף צוא רייבען עס איז
צוא גיפאלין, צו אים ר׳ אביגדור מיט זיין ווייב קוסען די פיס רבי
לעבין. ערבאריכמט זיך איבער אונז איבער אונזערע אלטע יארין
איבער אונזער אויג פין קאפ זיא איז דאך ביא אונז איין אויג אין
קאפ׳ וואס האבין מיר אזוי פארזינדיקט מהסתם זיינען מיר דאס
ווערט אבער עס איז שאהן פר אונז דער שרעק אליין אויך גינוג׳
אשפאם! טוט שרעקענעם! נון לאמיר זיך לאזין דעם בעל שם
אן טאן אונ מאכין זיינע הכנות לאמיר לויפין צוא ריק צוא אונזער
שרהלען מען האט איר גאט זייא דאנק דער ווילע אב גיראטעוועט
זיא איז עטוואס גיקומען צוא זיך אונ האט אן גיהויבין צוא דער
ציילין וואס דא איז מיט איר גיווען „איך האב מיר גילייגט שלאפין
אונ זיך איין גידעקט מיט אפערענע דיא גידאנקין ווארין מיר נאך
פול פין ביא טאג עס האט מיך נאך די הארץ גיקלאפט פון דיא
שרעק פון מיין ברודעריל וואס די יעניקעם האבין זיך אין אים איין
גיצאפעט מיינע גידאנקען האבין נאך מיר גירויכט אין קאפ נון
איך הער דאס דיא צידעק פערענע רירט זיך אונ עס בעוועגט זיך
וואס אין איר! נוא קאנט איר זיך פאר שטעלען מיין שרעק!
ליגענדיק אין דער פינסטער אין אזיים קעמעריל וועלכער ער איז
אן הקעגין דעם בית עולם אונ מיר דוכט אז עס איז שוין פון עטליכע
טעג דיא מזוזה אויך פון מיר ארויס גיפאלען אונ דיא מעשה פון
מיין ברודעריל שטייט מיר נאך פאר דיא אויגן אונ איך ווייס. דאך
אז דיא יעניקעם זיינען דא ביא אונז אין שטובי אשפאם! אבעל שם!

דיא



דיא אלע ניט גוטע זיינען דאך שטענדיק ביא אים אזויא וויא דיא
סאלדאטין; ביא זייער אפעציר קענט איר זיך שאן דיינקען וויא
גרויס מיין שרעק איז גיוועזן! אונ נאך עד היום קלאפט מיר דאס
הארץ אזוי וויא מיט אהאמער איך וועל דאס ניט אויש האלטען
גיוואלט עס ווערט מיר ווייטער פינשטער אין די אויגין! נון לויפין
שרייען גיוואלט רבילע גיכער ראטעוועט אונז זייט זיך מרחם
אויף אונזער טייער קינד ער זאגט אבער איך קען ניט טאהן קיין
זאך ביז איך מאך פריער דיא הכנות אונ דאס ערפאדערט פיל
ארבייט אונ צייט אונ זוידר לאזט ער זאגין דורך זיינע נבאים דאס
ער וויל וויסען וואס ער וועט בעלאהנט ווערין דער פר ער שטעלט
זיין לעבין אין סכנה ער קום איין רייסען מיט דיא ניט גוטע אונ
קען אמאל אליין ניזוק ווערין פון זייא ווייניגשטינס וויל ער דאפיר
גוט בעלאהנט ווערין קורץ מען האט זיך מיט אים ניט פיל געדונגען
דען דיא צייט איז קורץ׳ מען זעט דיא סכנה פאר דיא אויגען׳
מען האט בעדונגען אונ באלד בעצאלט מיט בארעם געלד דריי
הונדערט מיט פיר רובל וויפיל עס בעטרעפט דער ווארט „שד“ אונ
האט אן גיפאנגען צוא רייכערין דעם צימער וואו דיא סיבה האט
זיך שרהלען גימראפין׳ ער האט אלעמען גיהייסען אב טרעטין
אין דריטען צימער זייא זאלין חלילה ניט ניזוק ווערין׳ אונ האט
גימאכט אין איהר צימער א גרויסען רויך פון צימרינג מיט ווייראך
אונ נאך אזעלכע קטורת׳ ער האט גיקלאפט׳ גישטויסען גיהאקט
דארטין אין צימער׳ אונ האט גיבעטין אשווארצען האן׳ וועלכער
ער האט אים דארטין גיקוילעט אונ מיט זיינע פעדערין גירויכערט
דעם צימער׳ אונ נאך דעם האט ער "שרהלען אריין גינומען אין
צווייטען צימער׳ אונ האט איר אויך גירויכערט אונטער אלייעך
מיט ווייראך׳ אונ קטורת׳ מיט דיא פעדערין פון דעם שווארצין
האן׳ אונ האט מיט דיא בלוט פון דעם האן איר קליינעם פינגעריל
פון דיא לינקע האנד אונ דעם גראבין פינגער פון דיא רעכטע פוס
בעשמירט׳ אונ האט נאך דעם גישפריצט מיט דיא בלוט אויף דיא

אושאקעם

אושאקעם אונ דיא ביישטירליך פון דיא טיר פון איר ציטער אונ האט אלע שטיבער ארום געקרייט מיט קרייט ארום אונ ארום · אונ האט גיזאגט אונ גיזאגט אזעלכע להשים וועלכע מען האט עס ניט פאר שטאנען · עס האט דיא גישיכטע אזוי ביז צוויא שטונדען געדויערט . ביז ער האט אלימען גילאזט ארין רופען אין דיא צווייטע שטובע אונ האט גיהייסן אלע טירען עפענען אונ אלימען האט ער אוים גישטעלט אין ביידע זייטען שטוב אונ האט גימאכט אשטריק אויף דער ערד ביז וואנעט זייא מעגען ארוים טרעטין · פון איין זייט שטוב אונ פון דיא אנדערע זייט האט אזוי בעשטריכט אונ האט גימאכט איין עיגול אין מיטען שטוב אונ האט שטרענג פאר זאגט אז קיינער זאל חלילה ניט אריבער טרעטין דעם שטריק אונ ניט ארין טרעטין אין דעם עיגול · אונ האט גיגעבין דעם בעל הבית ר' אביגדורען אונ זיין ווייב אונ שרהלען אהאלבע הבדלה אין איין האנט אונ אנאדערגעלע פייער אין דיא אנדערע האנד אונ די הבדלות האבין זייא אן גיצונדען אונ גיהאלטען אין דער הויך איבערין קאפ · אונ האט אלזא ארוים גיטריבין דעם רוח פון ציטער · ער איז דורך גילאפין צווישען דיא ביידע ציילען מענשין אונ גלייך דורך דיא טיר דרויסען ארוים מען האט גיזעהען דעם רוח אין אגישטאלט וויא אקליינע חיה בעוואקסען ארום אונ ארום מיט פעדערין אונ קוילען פייער אין נאדערגעלעך האבין גירויכערט פון אים עס איז ניט גיוועזין צוא דער קענען קיין זאך אן אים · דאס איז גיוועזין וויא מיר ווייסען קלאר דיא געשיכטע איין קאמץ וועלכע דיא גבאים האבין איר ארום גישמירט מיט זענעבץ אונ האבין אויף גיטרענט דיא פערענע · אונ דארפין איר ארין גילאזען · פאר שטייט זיך שאהן וויא עס האט זיך געמוסט דיא פערענע דאן בעוועגען אונ רירען · אונ וויא דער בעל שם האט איר ארוים גילאזען אונ האט איר נאך דער צוא אויף אירע האר קוילען אונ נאדערגעלך ארויף גלייגט · פאר שטייט זיך שאן וויא זיא איז גילאפין אן דער נשמה · ווען אויך זיא האט ניט קיין

מורא



מורא פאר שדים · אבער פאר אזויא אשר וויא דער בעל שם איז האט זיא שטארק מורא ; ענדליך איז גיווארין אין שטוב שמחה וששון · וויא מען האט בעשיינפערליך גיזעהען דעם רוח ארוים גייענדיק · אונ דיא שרהלע איז שוין גיקומען צוא זיך זיא איז שוין בערוהיגט גיווארין · בפרט וויא זיא האט נאך בעקומען אקמיע פון בעל שם : מיט וועלכע ער האט איר פערזיכערט געשיצט צוא ווערין אויף אייביג פון די בים נגע · אין זיא גיווארין צו ריק גיזונד אונ מונטער . אונ די עלטערין זייגען גיוועזין העכסט גליקליך · וויא זייא האבין דאס קינד ארוים גיראטעוועט פון די הענד פון דיא ניט גוטע רחמנא ליצלן · אונ האבין דעם בעל שם פערגונגען זייערע געלט וואס זייא האבין איהם גיגעבין אונ נאך ארינטליך בעשיינקט · זייא האבין אבער שאהן גיוואלט לויז ווערין פון דעם נאמט · ער האט זייא שאן צוא פיל פערגעניגין גימאכט · קוים זייא האבין דער לעבט צוא הערין פון אים דאס ער וויל שאהן ווייטער פאהרין · זייא האבין מיט פערגעניגין גיהאפט אונ איין גישפאנט צווייא פאר בייערע פערד אין אגוטין עקיפאז אונ האבין אים משלח גיוועזן בשמחה אין אשטעטיל שטובניץ וועלכע זיא וואר זעקס מייל ווייט פון זייא · די שטעטיל האט דעם בעל שם זייער אנגעלאקט · ווייל דארטין האבין גיוואונט איינינע גרויסע גבירים · וועלכע זייא האבין נאך גיציטערט פאר דיא ניט גוטע · נון האט ער אגוטע אוים זיכטען גיהאט דארטין עטוואס מתקן צוא זיין · ער האט קוים בעוויזין ארייך צוא פארין אין שטעטיל עס האבין שאן אלע שטעטילשע איינוואויער גיוואוסט וואס פאר אגרויסער מאן אבעל שם אצדיק קומט צוא זיי : אונ זיינע נסים ונפלאות זיינען פאר אים גילאפין · יעדערין אנגעצייגט וואס פאר אמלאך אלקים עס קומט דא · אן זייא זיינען ארייך גיפאלין אין גוטע הענד וואו זייא האבין גיזיים · אונ גיוואקסין · קורץ זייא האבין דיא גאנצי שטעטיל צוא זאמען געפירט אין איין מינוט צוא דיא אכסניא וואו דער בעל שם איז פאר פארין דער פרנס חודש מיט דיא גרעסערע האבין אים צו

גינומען

גינומען בכבוד גדול · און דער גאנצער עולם האבין זיך פאר
זאמעלט ארום דיא שטוב · מען האט זיך געדריקט גישטויסען
איינער איבער דעם אנדערין צוא זעהען וויינינשטין אנגבאי פון דעם
בעל שם אבער אומזאנסט · וויא האבין זיך פאר שלאסין אין זייערע
ציממערין און קיינעם ניט גילאזין נהנה זיין פון זייערע היילינע
צורות · נון האט דאס נאטירליך דעם עולם נאך מער רייץ גימאכט
און נאך פייערער און היילינער איז דער קדוש ביי זייא גיווארין
דער מיט · ווען מען ווייס דאך דאס מען איז שווער זוכה אים צוא
זעהען · נון איז אין שטעטיל גיוועזין ארעש · איין וואונדער בארע
ערצייללונג · מיט איין קול און מיט איין שטים האבין אללע איהם
פערגעטערט · און מען האט אללע ארבייט אללע גישעפטין אוועק
גילייגט און נאר גירעט און דער צייללט פון דעם קדוש · וואו מען
איז גינאנגען האט מען נור גיזעהן גיזעמלען סאבריינעם און מען האט
ניט גיהערט קיין אנדער ווארט ריידינדיק אלם וויא אום דעם בעל
שם · יעדער איינציגער האט זיך מיט גיבראכט אהייפעלע ספרים
פון אים מיט אותות ומופתים · וועלכע ער האט גיהערט פון דעם
בעל שם דער צייליגדיק · וועלכע ער האט גיזעהן פון אים אליין ·
אדער גאר וועלכע ער האט ניט גיהערט און ניט גיזעהן איז אויך
גיווען גוטע סחורה · עס איז אוועק פאר גוט געלד וואס און וויא
איינער האט דער צייללט · אבלל עס האט זיך גיטאן · עס האט
גיווארערט גיקאכט וויא אקסיל · ביז מען האט שאהן זוכה גיוועזן צו
הערין דאש דער קדוש נעמט שאהן אן חולאים · נוא זיינען גיווארין
אויף איין מאל דיא אללע שטעטילשע איינוואוינער חולאים דר האט
זיך אן גיפאנגין שפירין אז ער האט עפעס אחולאת בעקומען ·
דער אנגלגול · דר ארוחה · עקרות · חשוכי בנים · און דאס גלייכין
וואגאר ווער עס האט זיך גאר ניט גישפירט · האט זיך איהם שאהן
אנגעפאנגען דוכטין וואס עס איז דען דער רצון וואס האט איהם
גירייצט צוא זעהן אזוי אמלאך אלקים האט אים שאהן מיט אזעלכע
דמיונות בעצאבערט · און אללע מענשין פון קליין ביז גרוים זיינען





גילאפין מיט פדיון צום קדוש · נאך ניט וויא מען רעט אזוי מאכט
זיך · עס זיינען ניט אן גיקומען צוא אים קיין צעהען פראצענט אין
ערשטין טאג דען דיא גבאים האבין זייער שווער צוא גילאזין צוא
אים · און ער האט אויך גרויסע הכנות גיברויכט צוא יעדען
בזונדער · ער האט דאך דעם טאג אפאר הונדערט קערבליך
פדיון צוא זאמען גענומען · און דאס איז נאך ניט קיין אנהויב
גיוועזין · עס זיינען נאך צעהען מאל אזוי פיל בערייט אין שטעטיל
צו אים מיט גוטע פדיון צו גיין · ווען נור זיי וועלין זוכה זיין צו צו
קומען · געלד האט נאר קיין בעטרעף גיהאט ביי יעדען איינציגין
זעלבסט ביי דעם ארימשטען · אויף זא אגרויסען ענין אן צוא
ווענדען · מען האט געליען געלד אויף משכנות · מען האט פאר
זעצט אלייכטער אטעפיל אשטויסעל · אדער גאר די לעצטע קיסען ·
נאר דעם היילינען צוועק צוא ערדרייכען · דען אויסער וואס מען
וועט גיזינטער אדער רייכער ווערין · דורך דעם · אדער איין אנדער
הילף פון אים באקומען וועט מען דא זוכה זיין אויף דעם קדוש אקוק
צו טאן און אפשר איינינע ווארטין אויך צו ריידין מיט אים · וועלכע
דאש ווהאר איין אום גימאכטע זאכע ביי אללעמען פון קליין ביז גרוים
דאס דער ענין איז זייער וויכטיג · און קאן פיל עולם הבא אויך
פעראנלאסען דען אזו וויא עס איז גרוים דיא עבירה צו קוקען ארשע
אין דאש געזיכט · אזוי איז גרוים דיא מצוה אצדיק אין דאש
געזיכט אריין צו קוקען · איינער אבער אין דר גאנצער שטעטיל
אגוויסער ר' יאנקעל שצאפקע האט זיך אום גיצייבענט פון אלימען
און האט ניט גיוואלט גיין צום בעל שם · און ניט געבין אים קיין
פעניג און צוואר וואר ער דער וויכטיגסטער אין שטעטיל דאש
הייסט דער גרעסטער נגיד אין דער שטעטיל דען ווער איז נאך
אזוי וויכטיג וויא אנגיד וואש מאכט נאך אזוי וויכטיג אלם געלד
דער מענש איז גיוועזן וויא מען זאגט "אקליין שטעטילשער נגיד
דאס הייסט ער האט זיך געהאט אגרויסע ווירטשאפט · דאס הייסט
איינינע קיהע אפאר פערד הינער גענז אינדיקעם ענטליך און דאש

גלייכין · נערטנער מיט קארטאפיל אונ אנדערע גארטין געוויקס פר זיים אביסעל פעלדער אונ איין איינענע האלצערנע הויז · דאצו אך אפאר טויזנט רובל אונ דיא גרעסטע ווירטשאפט פאר אלעם וואר ביא אים דיא קארגשאפט · וועלכע זיא האט אים פיל מער איין גיבראכט אלס דיא אלע איבעריגע זאכין זיא האט אים ערשפארט אלע נדבות אונ צדקות וואס אמענשין טוט קאסטען אונ בפרט נאך אנגיד · זוא האט פון אים פאר יאגט אלע ארימע קרובים · אלע מיודעים אונ דרשנים וואס זאנסט געוואהנליך לאזירען זייא ביא דעם נגיד פון דער שטעטיל וואו זייא קומען · דען געוואהנליך איזט דער נגיד דער פרנס חודש אונ דער גאנצער פיהרער פון שטעטיל · אלזא פלעגין זייא גיהערין צום נגיד · דר מענש אבער האט ניט גיהאלטין פון קיין גאוה · וועלכע זיא ברייגנט געוואנליך אוים געלד · אונ איז גיוועזען זייער קלאר אין רעכנונג דאס דיא זאכען לויגען פאר אים גאר ניט · אונ האט אלזא גילאזין בעסער דיא התמנות פאר איין אנדערין · אונ האט אים דאס זייער פערגניגען · מיטען גאנצין הארצען נאך מערער האט אים דיא קארגשאפט גימאכט זייער אויף גיקלערט אונ פהילאזאפעש · אונ איז גיווארין דורך איהר אנאנצער הפקר · אפהילעזאף ער איז גילעגען נאר אין חקירות וואו דיא קארגשאפט אן צוא ווענדען וויא איהר צוא בערגרעסערין אונ וואס מער איר אוים צוא איבען · ער פלעגט ליגען אין דיא חקירות טאג וויא נאכט מיט גרוים עמקות · אונ פלעגט מחדש זיין גרויסע חדושים אין הלכות קארגשאפט · אונ וויכטיגע נייע דינים · אין דער הנהגה אונ דער אויבנאנג מיט איהר · ער איז ערפארען אז אין אהעמד מעג מען גיין פיר פינף וואכען ניט גיוואסענער הייט · אונ ווען מען טראגט שטיוועל איז מען יוצא אן שטרימפף אדער שקארפעטקעס אויך · אין הויז אדער אז מען גייט אין וועג מאג מען גיין בארפים · דיא קופערנע אדער צינענע גיפעס טאר מען ניט אפט שייערען · דען עס רייבט זיך אב עטוואס פון זיי שטאט ליכט איז מען יוצא מיט קינעלעך באלאנעס אדער גאר מיט דיא

לבנה



לבנה שיין · אז עס גיט אבליץ ביא נאכט דארף מען חאפין דיא קינעלעך אדער דיא באלאנעס אויך אויסלעסין · דען דער ווייל איז דאך גינוג ליכטיג פון בליץ · אונ נאך אזעלכע איינפעלע וואס ער האט ערפונדען אין דער זאכע · אבער זיינע פהילאזאפיע האט ניט אויף זיינע שפרזמקייט אליין גיווירקט ניט אויף זיינע מטראלעסע זאכין אליין · אבער אויך אויף זיינע גייסט האט עס אגרויסע ווירקונג אונ איין גרויסען איינדריק גימאכט · עס האט אים געפירט צו גאנץ נייע יידען אונ צוואר צוא מאנכע גאנץ פרייע אונ ליבער אלע יידען וועלכע אנדערע פון זייא האבין אין יענער צייט גיהייסען · רייניע אפיקורסת דאס הייסט · דיא פהילאזאפיע האט אים אב גיפירט אגרויסע שטרעקע פון דער אמונה דאס הייסט · פון דער אמונה וועלכע עס איז מיט געלד קאסטען פערבונדין · צום ביא שפיל · ער האט אויף גיהערט צוא גלויבען אין די גוטע אידין אין בעלי שמות · אונ בעלי קבלה · ער פלעגט זייא קיינעם אגראשין ניט געבין · אונ אז ער פלעגט פון יעמאנדין דאריבער הארט גיפרעגט ווערין · פלעגט ער ענטפערין מיט גרויסע אפיקורסת ״עס איז אלעס בעטריגעריא · אונ צמוטמטווא · דאס איז נאר דעם גראשען אוים צוא נארען״ דען ער האט עס גישפירט אן זיך זייער גוט אז ער אליין איז אויך פעהיג פאר אגראשען אב צוא טאן אלע שבע תועבות · אונ אלע בעטריגעריי אלזא האט ער זיך גישטעלט פר אמוסטר געגען יעדען אנדערין · אונ זיין כארקטער וואר ביא אים אלס איין פאראלעל פאר אלע אנדערע כאראקטערע אדער גאר בעסער צוא זאגין דאש אלע כאראקטערע האבין געדינט פאר זיין כאראקטער אלס שפיגלין · דאס הייסט אזוי ווי אין אשפיגעל זעט מען דיא געזיכט נאטיר די זעלבע וועלכע עס קוקט אין איר אריין · אזוי איזט אויך דיא זעלבע ביא דיא כאראקטערע · וואש פאר אכאראקטער עס קוקט זיך איין אין איינעם אנדערין זא איינעם זעט ער · וויא ער אליין איזט איז ער אליין פון דיא פיינע כאראקטערע זעט ער עס אויך אין יענעם אנדערענם כאראקטער · איז ער אבער

אליין

אליין פון די פערדארבינע כאראקטערע · וועמען אזוי אלע אנדערע אויך אן פערדארבין אלס זיינר · אונ אזו וואר די זאכע מיט אונזער ר׳ יאנקעל שצפקע אויך · אונ וויא געזאגט דאס דיא פהילאזאפיע האט אים צום אפיקורוס געמאכט · אונ האט פערלארין די אמונה אין דיא צדיקים אונ בעלי שמות · אינ איזט אלזא צוא דיזען גרוסין ר׳ אהרלע בעל שם אויך ניט גינאנגין · ער וואר אזוי הארט נאקיג דאס זעלבסט אין זויא אגרויסין צדיק אבעל שם מפורסם · וואש אגאנצע וועלט האט זיך צוריסין אים לויבינדיק זיינע אותות ומופתים אונ דיא גרויסע נפלאות וואש ער ווייזט · האט ער אין אלעם דעם דאך ניכט גיוואלט גלויבין אין אים · דען ער האט גוט פערשטאנען אז די אמונה איזט אויך פערבונדין מיט געלט פערלוסט · וועלכע ער איזט דארויף קיין פריינד · אונ האט זיך אלזא בעסער אונ שפארזאמער געפונען אב צו ווייכין פון זוי · אונ ניכט צוא גלויבין · קודם כל קאסט עם דאך קיין געלד ניכט :

ויהי היום) אין איינען שיינעם טאגעם · וויא דער ר׳ אהרלע בעל שם איז נאך גוועזן זייער בעשעפטיגט אין דר שטעטיל מיט פיל חלאים עקרות אונ דאס גלייכין · קמיעות שרייבינדיק · פדיונות נעמענדיק · אונ איבער הויפט דיא רעגירונג איבער דיא רוחות אונ מזיקים אונ ארדנונג צו פירען · ער האט נאך ניכט קיין צייט געהאט זיך גוט ארום צו קוקין אין שטעטיל אום צו זעהען אויב עס געפינט זיך איינער אין דער שטעטיל וואש האט אין אים חלילה קיין אמונה נים · דען דאש וואר אים זייער ווייט לייפיג צו גלויבען · מיט אמאל קומט אריין צו אים איין הויכער אונ אדיקער מענש · בעוואקסין וויא אבער · מיט אגרויסין בארד אונ לאנגע פאות · די שווארצע ברעמען פארדעקין אים זיינע גרויסע אונ רויטע אויגין · דיא האר פון זיין קאפ הייגין אריבער איבער דעם קארק · דאש געזיכט פול אונ רויט ברענט וויא פייער · זיין קאסטיום וואר וויא איין הייליגער פריסטער · מיט שיינע ראצעמארענע קליידער בעדעקט מיט פאסעמאן אונ זילבערנע האקין אדעליע אטייערע אראצעמארענע

אונ



אונ אחאבאדניצע אדער אשטרייטמיל פון די טייערשטע סאביל דער כשרער טלית קטן שלעפט זיך אים איבער דיא קניא אונ די ציצית גרייכין דיא ערד · אין האנט טראגט ער אגרויסין אדיקען שטעקין מיט אגרויסע זילבערנע קאפ · אונ איז אזויא אריין צום בעל שם מיט גרוים האזע · ער האט זיך צום מאל ניכט רעכט ערלויבט בייא דיא גבאים · דען וויא זיי האבין אים דער זעהן זיינען זיי פר זיינעם גאטליכין אנזעהן כמעט געשטארבין · אונ האבין אלזא פירכט געהאט אים אבצוהאלטין אדער איין ווארט צו ריידין ער איז אלזא בשלום אריין צום בעל שם מיט גרוים שטאלץ · מיט אברייטין גוט מארגין · אונ זאגט צו אים גלייך אין ערשטין אריין טרימיוואש מאכט איר ר׳ אהרן ? דער בעל שם איזט גאר ערציטערט אונ ערשטוינט געווארין הערענדיג זויא איין אוים דרוק · דאש מען זאל אים גאר פראסט מיט זיין נאמען רופין · דען ער הערט נאר דעם ווארט „רבי„ „בעל שם„ „דער צדיק אדר דר גוטער איד„ אבער ווער וועט זיך דער וועגין ארוים צו ריידין זיין נאמען זעלבסט אונטער דיא אויגין · בפרט נאך אים אין דיא אויגין · זוי ערשטוינענד גיט זיך אקער אונ קוקט זיך אום ווער איז דאש דער עזות פנים וואש דער וועגט זיך זוי וואש צו מאהן · ער דער זעט דעם מענשין האט אים נאך מעהר אן געפאנגין גראלין · אונ ער איז גאר ערשטוינט געווארין · ער האט דעם אין אויגין בליק ניט פערשטאנין דאש דיזער מענש איז ניט געקומן אים געבין פדיון אונ ניט בעטין בייא אים קיין קמיעות · אדער שמות זיינע אוגין האבין שוין גוט גיגעבין צו דר קענין אז דאש איז אביטערער יונג זיי האבין פאר שפראכין פון אים שרעקליבעם „ווער זייט איר ר׳ קרוב„ פרעגט דער בעל שם דעם מענשין „איר קאנט מיר ניט ר׳ אהרן„ ענטפערט דר מענש אים : ניין איך קאן אייך ניט · ווער זייט איר זע ? אט זאגט איר · איר קאנט מיר ניט · דו אהרן דוא זאלכט מיר ניט דער קאנען ! אבושה ! אח־פה ! אויף נאמנות · ר׳ אהרלען איז פינשטער אונ ביטער גיווארין העריגדיק פון אים דעם ווארט „דוא„ עס האט אים גאר געשקרוכט

הערענדיק

הערענדיק זוי וואש אים זאל מען דוצין !!! ליבער פריינד אבער זאגט מיר דאך שוין פארט אוים ווער איר זייט „איך בין אויך אבעל שם אזוי וויא איר זאגט דער מענש צו אים מיט איין שמאלצין טאן · עם קען זיין „אפשר נאך אנדערער פאר אייך · דיא ווערטער האבין ר׳ אהרעלען אין קאפ אזוי וויא קאנאנין קוילען אריין געקלאפט · אונ זיי האבין אים דורך געשטאכין אלע ריפין · עס איז אים געווארין קאלט אין דיא קניא · אונ אין דיא ציינער. ער טראכט זיך . א וויי ! אזוי אטייוהיל האב איך זיך גאר קיין מאל ניט פארגישטעלט אפשר איז ער טאקע פון דיא אמתע ניט גוטע וועלכע מען זאגט אז עס איז טאקע דא באמת אויף דער וועלט אזעלכע בעשעפענישין · ער זאגט צו אים מיט עהרין פורכט.זיצט אקאר · אונ דער לאנגט אים אשטול אינדעסין, זאגט ער איך בין ניט געקומין זיצין ביא אייך · איך בין געקומין עפעם אויף איין אנדער אינטערעם וואש גוטש ? זאגט · איך שטייא אייך צו דינסט · ניין דו מוסט דאך פריער דער קאגין ווער איך בין · דאן וועסטו וויסין וויא מיט מיר צו ריידין, א וויי ! וואש זאל איך דען טאהן ליבער פריינד אז איך דר קען אייך פארט ניט איך וועל אייך שוין אוים זאגין אז איר ווייסט ניט · איך בין שניאור בער לאפון, נון קאנסטו מיר שוין בראטונע ? הא ! ווייסטו שוין ווער איך בין ? איי ! פינסטער ביטער איז ר׳ אהרלען גיווארין הערענדיק דעם נאמען פון דעם נייעם שד · עס האט אים אנגעפאנגין ווארפין אצאן אן אצאן · וואש מאכט איר פארט ר׳ שניאור בער ? וויא קומט איר אהער ? אט -וויא קום איך · דוא ווייסט דאך אז פאר מיר איז קיין וועג ניט צו ווייט · קיין מעשה ניט צו קליין · איך קען אלם · בעסער פרעגט . וויא בין איך לויז געווארין פון ארשינאל · אונ פון טורמע ? אומגאטעם ווילין ! זייט איר שוין אין ארשענאל אויך געזעסין פרעגט ר׳ אהרלע · פטור נוא ! וואש מיינסט דו אין ארשינאל איז ניט קיין וועלט ? זאגט מיר אקארט ליבער ר׳ שניאור בער וויא אזוי קומט איר דאצו ? אט אקשה ! וויא אזוי קומט איר צו ווערין אבעל שם ? פון אקאלטין

טרונק



טרונק נאר איך בין מיר אויך אט אזוי געווארין ארעשטאנט. פון גאר אקאלטין טרונק · דוא גידיינקסט דאך אהרן בשעת מען האט מיר אב גיגעבין פאר אסאלדאט וואש האב איך געזאגט „לאפון ווערט ניט זיין פערפאלין„ נוא זעהסט דוא דאך דעם סוף · אז איך בין שוין גיווארין גאר אבעל שם · אונ מיינסטו אפשר אזוי אשנאדער זוי דו גיין ! איך באשעפטיג זיך ניט מיט אזעלכע לומפע מענשין אלעם דיינגע בעזונבער · זאגט מיר אבער ליבער ר׳ שניאור בער וויא אזוי זייט איר געקומען צוא דער לאגע · „תלעבין איר זייט גאר אשוטה„ זאגט שניאור בער צו ר׳ אהרלען „איר ווייסט וויא פון אסאלדאט ווערט איין אפעציר · עס גייט אזוי ארויש ראנגעם ווייז ער ווערט גרעסער אונ גרעסער ביז ער ווערט איין אפעציר אונ דער נאך אפאלקאווניק איינעמעל אונ זא ווייטער מיט מיר וואר אויך אזוי די געשכטע מען האט מיר פאר משפט פאר אפראסטין סאלדאט · בין איך אבער אנטלאפין פון פולק אונ בין גיווארין איין דיזינטיר (דאם הייסט איין אנטלאפינער סאלדאט) האט מען מיר געכאפט בין איך געווארין אריסטאנט · האבין זייא מיר אומגעטריבין אין ריסטאנסקע ראטע ביז איך בין ווייטער אנטלאפין גיווארין · האט מען מיר ווייטער געכאפט האט מען מיר אוועק געשיקט קאטריזנע ראבאטע · בין איך ווייטער אנטלאפין געווארין · אונ בין מיר גאר געווארין אבעל שם · וואש דען קען איך שוין ווערין . איך בין נון אפולקאווניק איבער וויפל פולקין שדים · איך רעגיר איבער אזעלכע מיליטער וועלכע איך זעה זיי ניט · אבער וואש העלפט עם · זיי דיינען מיר פיל בעסער אלס וואריע מיליטער · זייא בריינגין אונז ווייניג איין געלד אונ כבוד הא ר׳ אהרן אונ גיט אים אפאץ אין פלייצע הא נייין ! פאר אונז האבין מורא א וועלט · אונ מען טראגט אונז אין דער לופטין · אונזער נאמין אליין מאכט אונז שוין אויך גענוג גרוים אונ גליקליך · יא ריכטיג זאגט ר׳ אהרלע, אבער זאגט מיר · מיט וואש זייט איה זע גרעסער פאר מיר · איי ! איר פאר שטייט דאך עפעם גאר ניט ר׳ אהרן · פאר אייך האבין דאך מער ניט מורא דיא פראסטע מענשין · אונ

פאר

פאר מיר האבין מורא אפילו דיא בעלי שמות אליין אויך ׃ אייך גיבין
געלד נור פראסטע מענשין אונ מיר וועט איר אפילו אויך געבין געלד
אונ אמה געלד ניט אביסיל ׃ וויא ר׳ אהרלע האט דער הערט דיא
לעצטע ווערטער איז אים געוואָרין פון דאש נייע פינשטער אונ
ביטער ׃ אונ איז גיבליבען זיצען ערשטוינט אונ וויא אפערקילטער.
וואש רעט איר ליבער ר׳ שניאור. בערי את וואש איר הערט! איך
פאר שטייא ניט וואש איר מיינט דער מיט! א! איר פאר שטייט ניט
איך וועל אייך שוין געבין צו פארשטיין ׃ איר פאר שטייט דעם טייטש
פון חמש מאות שקל כסף׳ הא ר׳ אהרן? „דאש איז דער טייטש״ איר
זאלט מיר געבין גלייך. אבער אין דעם אויגין בליק פיניף הונדערט
קערבליך ׃ עס זאל ניט דויערין קיין פיניף מינוט ׃ ווען ניט וועט
איר שוין זיין אוים בעל שם אונ איר וועט שוין וויסין אז איך בין גאר
אבעל שם ניט איך ׃ איך האב שליטה אויף אלע טייוולען ניט איך ׃
ר׳ אהרלע טראכט זיך ערשטוינטער הייט ׃ ער איז גאר דער טייוועל
אליין ניט אבעל שם איבער דיא טייוולין אקויל האט מיר געשאסין
וואש האט זיך דא דער שד אריין געמישט אין מיין הצלחה! א!
וואש שווייגסט דוא אהרן ניט אויף אים אגישריי שניאור. בער דוא
מיינסט דיר וועט עס פאר גיין פאר אשטיק ׃ איך וועל דיר לאזין
מאכע אין מיין פראפוסיאן אריין טרעטין אונ מיין פרנסה צו נעמען
הא! דו ווייסט ניט כלומרשט אז איך נור איך בין דא אין דעם גאנצין
געגענד דער יענעראל איבער דיא שדים זוי וויא איבער די מענשין ׃
אונ דוא קומסט דא אונ מישייעסט מיר! וואש האסטו צו קריכין אין
אפרעמדע פעלד? איך קען דיר כלומרשט ניט ווער דוא ביסט פון
נעך היים נאם בראט געדיינקע אזאך זייער גוט דאכט זיך יענע
בגשה ׃ הא! מיר ביידע צווא זאבין דאכט זיך האבין זיך גוט
פערטראגין אונ עס ווייס נאך ביז היינט קיינער ניט אשפור דער פון ׃
נעה אבער דו האסט עס גאר פארגעסין ׃ אונ דו דר קענשט זיך שוין
אליין אויך ניט. דאש איזט ווירקליך איין ווארער אידישער נאטור
דאס ער לאזט זיך אליין איין ריידין ער נארט דיא וועלט אזוי לאנג





ביז ער נארט זיך אייך אפ עס איז ביי אונזערע אידין פיל דא
אזעלכע ׃ וואש צבויאצין אב דיא וועלט מיט דיא גרעסטע
צבייאצטווע ׃ אונ ווירקען זא פיל אויף דעם עולם איבער הויפט
אויף דעם המון ביז מען פאנגט אן זייא צו רופין מיט דעם טיטיל
„רבי״ עס שפרינגט ארוים פלוצלונג מיט אמאל ארבי שמעלקע פון
אשמואלקע פארך ׃ ארבי יאסעלע פון איאשקע באדיונג אונ דאש
גלייכין ׃ אונ וויא נור ער געוואנט זיך איין מיט דעם טיטיל וואש
מען בעטיטעלט אים אומזאנסט ׃ מיינט ער נאכהער אז דער טיטיל
איזט מיט אים געבארין ׃ אונ ער קליידעט אונ פאסט פיר אים זייער
גוט ׃ אונ טראכט זיך ׃ אוועלט איז ניט משוגע ׃ אז מען רופט מיר
רבי שמעלקע מהסתם בין איך ווערט אונ ער האט נאך גרויסע ראיות
דער צוא ׃ דען ער ניט נור אקוק אויף זיך זעט ער בפירוש אז ער
איז טאקע ארבי שמעלקע ׃ דען ער זעט דאך אזוי פון זיין
פאסימאנענע זופיצע ׃ פון די דאצעמארענע דרעליע ׃ פון זיינע
פאנטאפיל אונ פון זיין קאלפאק מיט דעם גראבין שטעקין וועלכער
ער האלט אין האנד ׃ וואש דא אלע זאגין בפירוש אז ער איז
טאקע ארבי שמעלקעלע ׃ איבער הויפט איזט נאך דער בעסטער
עדות דער כשרער לאנגער טלית קטן אונ דיא גרויסע תפלין ׃ מען
זעט אה״ים בפרטות אז דאש איז עפעס אאיד אצדיק אחסיד ׃ אונ
אוודאי אבעל מופת אויך ׃ אונ אזויא קוקט ער אויף זיך אונ דער
קענט זיך גאר ניט ׃ ווער ער איז איינענטליך אין דער טהאט.
זעלבסט אין מרחץ אז ער ווארפט שוין ארא פון זיך דיא אלע
עדות ׃ וואש פאר בלענדין אים דיא אויגין ׃ דער קענט ער זיך אויך
ניט ׃ דען עס געפינין זיך אנדערע אזעלכע וואש פאר בלענדין אים
דיא אויגין שטאט דיא ׃ עס פאלין ארום אים ארום משרתים ואשר
משרתיו ׃ דער וואשער ׃ דער קראצער ׃ דער גיסער ׃ דער ווישער ׃
קורץ מען לאזט אים זיך פיר קיין פאל ניט דער מאנן ווער ער איז ׃
אונ איבירינגענס וואצו זאל ער זיך דער מאנען ׃ איז אים דען אזוי
ניט טויזינד מאל בעסער ׃ חלעבין ׃ איך וועל אייך ניט לייקענען

אַז איך וויל מיר שוין אויך ניט דער מאנען ; מהיכי תיתי . וואש שאדעט עש : עש ברענגט טאקע מער איין אלם אויש . "נו! זאגט ר' אהרלע טא וואש ווילט איר מיך דער מאנען ? אזוי איך ווילט אוועק נעמען מיין פרנסה אונ איך זאל דאש שווייגין ? עס וואלט אפילו ניט זיין קיין נאהרישקייט פון מיר ; אסור! גענוג באלטאיען ; לאמיר ריידין צו דער זאכע ; איר גיט מיר פינף הונדערט רו"כ ? זאגט ר' אהרלע אונ אז איך וועל אייך שוין געבין וועט איר אוועק פארין פון היר? אונ! איר זייט דאך גאר אנאר זאגט צו אים שניאור בער איך וועל אייך פאר קויפין מיין בכורה פאר אטאש לינדזין ! ניין ! נאך לאנגע ניפט ! ענדליך זייא האבין זיך אזוי געצאנקט אונ גידונגען ; קורץ זייא האבין זיך ביידע געגין דינטיג איבער גילייגט אז עס איז בעסער גאר שותפות צו מאכין אין דעם געגינד אונ אין די שטעטיל דען ר' אהרלע מיט זיין גרויסין אונ פרישין נאמען קען צאפין אמשא געלד אין דעם געגענד ! אונ דער אלטער בעל שם ה"ה שניאור בער, איז גענוג קלוג אים אנרויסין נאמען צוא מאכין אום מער'ער און צוא לאקין דעם עולם אים געלד צו געבין ; אונ האבין אלזא געשלאסין שותפות דאש געשעפט : אונ מען האט גימאכט טויזנדע רובלש ; און דער שטעטיל מיט איהרע אומגעגענדע ; עס איז פיל צו דער ציילין וויא אונ וואש זייא האבין געפיהרט אונ געמאכט קונצינגע פלענער ; וואש מען רופט ביא לייט'ן "ניסים ונפלאות" נור דעם גראסין הערוים צו בעקומען ; ענדליך האבין זייא זיך דאש געלד געטהיילט צו פיר טויזנד רוביל אויף אטהייל ; אונ ר' אהרעלע זאגט צו דעם בעל שם "ר' שניאור בער! איבער איאר אי"ה קום איך ווייטער אהער אונ מיר וועלין ווייטער אזו מאכין זאגט שניאור בער "ווייסט איר וואש ר' אהרלע! פאר אייער אוועק פארין לאמיר זיך אביסיל געמען צו דעם יאנקיל שצאפקע ; דעם גראבין יונג ; פאר וואש זאל ער זיין אזו אשווין אונ זאל זיך גאר פורש מן הצבור זיין ; איר ווייסט ! ער גיט דאך קיין מאל ניט אבעל שם ; אגוטין אידין ; אגראסין ! האט איר געהערט





אזו איונגאץ ; אלאבוש ! וואש רעט איר ! זאגט ר' אהרלע צו אים יאנקעל דער גביר מיינט איר דאש ? איז דאש מעגליך ? גלויבט מיר איך האב זיך גאר ניט בערעכינט אין גרוים טומיל ; ער האט דאך טאקע מיר אויך ניט גיגעבין אגראסין . א! דער אפיקורס ! ער האט ניט קיין אמונה אונ אידעשקייט ! אונ איר ווייסט אז ער איז ווירקליך דער פאר אליין ווערט דעם גאנצן אפיקורס ; ער איז דאך מפורש מן הצבור ; וואש ער וועט דאך געווים קיין עולם הבא ניט האבין ; איר זייט גירעכט לאמיר זיך טאקע נעמען צו אים ; אבער נור מיט שכל ; מען האט זיך גוט איבערגילייגט ; אונ איין געפאלין אויף אפלאן ,

ויהי בלילה ההוא ; אין די דאזיגע נאכט וועלכע זיא וואר זייער פינשטער ; אונ איין קאלטער רעגין האט געגאסין ; אגרויסער שטורעם ווינד האט גע שטורעמט ; עס האט גערסין דעכער מירין פענשטער ; לאדין ; אלע מענטשין שלאפין וויא די טויטע ; פלוצלינג דער הערט יאנקעל שצאפקעם פרויא, מאלעגדיק אין אירע זארגעם וועלכע זיי שטייען אין איר פיר הויז ; זיא האט זיך זייער ערשראקין אונ האט אן גיפאנגן שרייען גיוואלט ! ווער מאלט דארטין . אין די זארגעם ? עס ענטפערט איר אבער קיינער ניט קיין ווארט , נור עס מאלט זיך ווייטער ; זיא שרייט ווייטער ; אונ ווערט נאך מעהר אין שרעק ; זיא האט פורכט ארוים צו גיין נעהן ; קורץ זיא האט קוים אויף גיוועקט יאנקעלן וועלכער דער הארטער שלאף האט אים מיט איין טויט שלאף בעשלעפערט ; וואש שרייעשט דוא וויבנע ? זאגט יאנקעל צו איר ; רייבין זיך דיק די אויגין א! הער וואש עס טוט זיך ! הער נור ! מען צורייסט דאך די זארגעם מאלענדיק פון אשעה לאנג ; איך ווייש ניט ; אטויטער האט שוין אויך גיראפט לעבענדיק ווערין פון דעם גיראש ! ער האט אויך דער הערט . מיט זיינע אויערין דעם שרעקליכין גיראש פון די זארגעם ; עס האט אים אנגעפאנגען ווארפין אצאן אן אצאן ; אונ שרייט גיוואלד ! גיוואלד ! וואש קען דאש זיין ; אין מיטין דער נאכט ! א ! גיט גוטע ! גיט

גוטע ! און האט זיך פון שרעק אריבער גידעקט מיט דיא צודעק פערענע · און האט געשריען שמע ישראל · דריי מאל · איז גלייך שטיל גיווארין · נון זיי שרעקין זיך ציטערין און פלאטערין דען יעצט רעכט זעט מען דאך בעשיינפערליך אז דאס זיינען טאקע גיוועזין ניט גוטע · עס האט אים שוין ניט געהאלפין זיינע פהילאזאפיע · דען דיא פראקטיקע איזט פיל קלינער אלס דיא גרעסטע פהילאזאפיע זאגט דיא וועלט · און מיר זעהען עס דא מיט דיא אויגין · אונזער יאנקיל איז גלעגין אזוי אין יסורים און אין ציטערנעש ביז האן קריי · דאן האט ער זיך ערלויבט אויף צו שטיין דען ער וייש אז ווי דער האן גיט אקריי אנטלויפין די ניט גוטע אין אלע טייוויל · עוו צינדעט אן אקינעלע · און גייט ארויס מיט וויכנע זיין וייב זעהן אין פארהויז וואס דארטין טוט זיך · ער גיפינט אז עס איז די טירין און די טויערין צו גימאכט פעסט פערשלאסין און פערשפארט · דיא זארנעש זיינען ליידיק און עס איז קיין זאך ניט צו זעהן אויסער אביסיל שווארצע מאן וואס ער האט געפינען אויף דיא זארנעש ניט צו ריבין און ניט צו מאלין נון האט ער שוין גוט פערשטאנע וואס דאס בעטייט וואס העלפט דיא פהילזאפיע אז דיא פראקטיקע שטעכט אויס דיא אויגין אבער פון דעשט וועגין האט אויף אים דיא זאכע דאך ניכט גיווירקט ווי פיל דאס ער זאל שוין גיין צום בעל שם גיין ! . דער גראשין איז טייערער ער האט נאר מיט אונגעדולד און מיט גרויש שרעק ערווארטעט דיא אנדערע נאכט · ער האט זיך געלייגט אין איינע ציטערנעש ער האט נוט ארום גיזעהען דיא מזוזות אויב זייא אלע כשר זיינען נאך זיינע מבינות נאהין זיי אלע כשר דאס הייסט ער האט אויף זייא קיין חלב ניט גיפונען זיינן זייא דאך כשר ער האט גילייענט קריאת שמע מיט גרויש כוונה און האט גיזאגט ויהי נועם זיבין און זיבעציג מאל דען ער וייש אז אשר לויפט פון ויהי נועם · און האט וויכנע זיין וייב אויך זיינע קינדער גיהייסין אויך אזו טאן : און אלע האבין זיך מיט דיא גרעסטע שרעק און הארץ קלאפינג געלייגט שלאפין :

אבער



אבער פר קיין פאל האבין זיי ניט גיקאנט איין שלאפין · דער שרעק האט זייא קיין רוהע גינעבין און איז איטער פאר זייערע אויגין פאר גישטאנין · וויא זייא ליגין אזוי אין שרעק און ציטערנעש · דיא אוהר האט צוועלף גישלאגין מיט איין מאל עש מאלט שוין ווייטער דיא זארנעש ווערין צו רישין און דיא פענשטער קלאפין און ציטערין פון גרויש גיראש נון אגיוואלד איבער אגיוואלד : און קיינער בעוועגט זיך ניט הערויש צו גיין איין טריט צו צו טרעטין צום אנדערין : דיא עלטערין שרייען און דיא קינדער נאך · און דארטין מאלט זיך אהנע אויפהערונג · מיט אמאל איז עטוואס שטיל גיווארין אפאר מינוטין . נאכהער הערין זיי וויא מען שפילט מיט ארמאניק · מיט אמאל אקלאפ אין טיר מיט אשטיין · מיט נאך איינעם און מיט אדריטין · יעדער קלאפ האט זייא גינעבין וויא אקויל אין הארצין · מיט אמאל הערין זייא איין קאטצין שטימע · איין הונדעש שטימע · און נאך אנדערע ווילדע שטימען · און ווייטער מיט די זארנעש קורץ עס האט זיך אזוי געפאשירט דיא גאנצע נאכט עס איז זייא אלימען באלד דיא קרעפטין אויש גיגאנגין ביז זייא האבין דער לעבט דעם האן קרייא מיט וועלכעם דיא ניט גוטע ווערין פאריאגט · נון איז דיא וויכנע צו געפאלין צו יאנקעלן · וויינענדיק און ברעכינדיק דיא הענט גיוואלד גזלן ! וויא לאנג וועסטו זיין אזוי ארשע אגזלן איבער דיין לעבין און איבער דיינע וייב און קינדערש לעבין · גיוואלד ! לאמיר לופין צום בעל שם · אפשר טאקע גאר צום נייעם בעל שם וואס מען רופט אים ר' אהרלע · ער העלפט דאך אלימען ער וועט אי"ה אוודאי אונז אויך העלפין · מען זעט דאך בעשיינפערליך אז דיא ניט גוטע האבין זיך אב גערישין אזוי ווי פון קייט און האבין זיך אן געטאהן אין אונז · און אפשר איז דאס טאקע פאר דעם חטא וואס מיר גיבין ניט קיין גראשין פדיון דיא בעלי שמות און דיא גוטע אידין און אפשר גאר טאקע איז עס מיט זייער ידיעה געטאן געווארין · „אט טאקע דאריבער“ רופט זיך אפ יאנקיל : דאריבער טאקע וויל איך זייא אגראשין ניט געבין ;

זיי זיינען נאך ערגער פאר די ניט גוטע אליין · א ! יאנקיל ! א !
איך שטארב הערינדיק פון דיר אזעלכע רייד ! גיוואלד ! ביסט דוא
נאך ווייניג גילערינט גיווארין · עס איז דיר נאך ווייניג ! הלוואי
קומט אפ נאך מיט דעם שרעק אליין · די שעה זאל ניט זיין · · ·
איך וויל פון מיין מויל ניט ארויש ברייננגן : נוא טא וואש זאגסט
דו · געמען דעם גאנצין אייגינש אונ אוועק געבין דיא בעלי שמות !
הא ! ביא דיר איז דאש אפשר רעכט ! קורץ זייא האבין זיך אזוי
געקריגט אונ געריסין דעם גאנצין טאג ביז וויכנע האט געפעלט
ביא יאנקלען אז ער זאל וויינינגשטענש גיין צום אלטין בעל שם ·
ביא ר׳ שנייאור בערין דעם דעוויקלער · ער נעמט דאך ניט אזוי
טייער אונ ניט אזעלכע גרויסע פדיונות אלם דער ·דורך רייזינדער·
אב וואול וויכנעם הספק איז גיוועזין דאנעגין · זיא האט גיוואלט
ליבערסט טעהרער זיך צו לאזין קאשטין נור גיין וואו זיכער איזט ·
צום נייען בעל שם וואש אויף אים איז ניט דא קיין ספיקות · ער
העלפט אליבען · אבער וואש זאל זיא טאן מיט איר קארגין מאן
עס איזט ביא אים אונמיגליך צו פועלין · קורץ ער איז אוועק צום
אלטין בעל שם וויא ער גייט אריין אין טירי זאגט צו אים ר׳ שניאור
בער ״הא ! ר׳ יאנקיל ! איר האט געהאט שרעק ! מען האט אייך
גיגעבין אנצוהערינש פון יענער וועלט · אז דער רעדיל דרייט זיך
מיט אגרויש גערויש · אונ דאך איזט עס צפושטע ווינט מיל צום סוף
דאש הייסט אז אייער רעדיל וועט זיך אויך אזוי אויש דרייען אונ
בלייבין פושט וויא דיא זארגעש וואש זיינען גיוועזין פושט ווערענד
איר זייט אויף גישטאנין דעם מארגינש · מען האט אייך געשפילט ·
אויף איין אנצוהערינש דאש איר וועט שטארבין אונ וויכנע וועט
חתונה האבין מיט איין אנדערין · מען האט גיווארפין אשטיין אין
טיר · צו ווייזין אז דאש איז אלץ דאפיר וואש איר פאר מאכט
אייערע טירין פון ארימע לייט ; אונ פון גוטע אידין · נון וואש
ווילט איר איצט ? וויא יאנקיל האט דער הערט זייגע ווערטער איז
ער פערוויהט אונ צומיסט געווארין · דאש ערשטע פון דעם גרוישין
וואונדער



וואונדער וואש ער וויישׂ אלעש וויא אונ וואש עס האט פאשירט
אזוי וויא ער וואלט דער ביא גיוועזין · צווייטינש פון דיא גוטע
בשורות וואש ער האט אים דא מבשר גיוועזין אליין · גאר ניט
הורך אגוי צום מאל · דאש דהיטע · איז אים גיווארין זוויער פאר
אלץ וואש עס איז אימער געגטער · געקומען צום געלד פערלוסט ·
ער מוז שוין באלד גיין צו דער שחיטה · אונ בלוטין זיינע אויגין
פון קאפ · ניט ווילענדיק פרעגט ער אים ״רבי״ ! וואש זאל איך
פארט טאן זייט זיך מרחם אויף מיר אונ מיינע הויז געזינד ! זאגט
ער קלייב זיך אויש איינם פון דיא צוויי . אבער דיינע געלד
פערלירין · אבער דיין נלעבין ! פון איינע קען איך דיר רעטין !
ווארום אזוי שטייט : תפלה עושה מחצה · דאש הייסט מיט תפלה
פועלט מען ביא גאט אהאלבע גזירה מבטל צו זיין א ! רבי !
גיוואלט איך וועל שטארבין הערינדיק וואו איך האלט שוין אין
דער וועלט א ! אזוי געשטארבין ! אונ אזוי נאך ערגער וויא
געשטארבין · דען אן געלד איז נאך ערגער וויא געשטארבין · א !
געלד ! מיין הארעוואנע פון גאנצין לעבין ! א ! איך האלט ניט
אויש רבי לעבין ! איך וויש דאך אז איר קאנט דאך עפעש מאכין
מיט שמות ניסים ונפלאות מאכט עס פון מיינעטוועגין אונ פון מיינע
קינדערש וועגין אויך · איך וועל אייך פאר אייער טרחה ארענטליך
באפרידיקין · איך דארף פאר מיין טרחה גארניסט ! איך וויל אייך
העלפין אומזיסט · ווערט יאנקלען אביסיל הייםליכער אויף זיין
הארצין הערינדיק אז עס איז אסברה ניצול צו ווערין פון געלט
קאשטין : אונ פרעגט אים אלזא ; נון רבי ! וואש זאל נון טאן איך
וועל אייך דיא פים וואשין אונ דיא וואשר טרינקען · אכלל גאר
ראטעוועט אונז מיינע פיש זיינען ריין · מען דארף זייא ניט וואשין ·
טא וואש דען · וויא דען זאל זיין · מיין קינד ! עס איז מיר זייער שווער
דיר אויש צו זאגין דוא וועסט עס ניט אויש האלטין חלילה ! א !
גיוואלד ! רבי ! איך האלט אבער גוט אויש פון שרעק דער ווייל ·
איך טראכט איבר גאט וויש וואס ניין ! איך קען דיר פון גרויסע
סכנות

סכנות דאטירין · דאש הייסט אין · קען דאטירין אייערע נפשות
אונ אייער געלד אויך אבער ניט אין גאנצין · רבי ! וויפיל פארט ?
וויפיל שוין דארף מיין בלוט גינאסין ווערין ? א ! דו עשט זיך דאך
אב דאש הארץ דאש קען איך גאר ניט זעהן · וואש העלפט עש
אבער רבי · וויא זאל איך יוא אויש האלטין אשפאם געלד ! עש
קומט מיר עפעש אזוי גרינג אן ! איך וויל שוין הערין מיין פסק · דיין
פסק טו איך אן פרעגין ביין אשמדאי דער שר פון די ניט גוטע ! א !
גיוואלד ! רבי ! איך שטארב הערינדיק ! איך בין אריין געפאלין גאר
צום אשמדאי אין די הענד ? יא ! מיין קינד ! ער האט איבער דיר
דיא שליטה בעקומען ! א ! ראטעוועט ! ראטעוועט מיר רבי ! איר
ווערט דאך מציל זיין כמה נפשות · אונ וועט האבין גאר דיא עולם הבא
האט גינומין דער בעל שם אונ האט גימאכט אמחיצה · אונ האט
דארטין צוריסין אהאן איבער העלפט אונ האט גידרייבערט ווייראך ·
אונ גפאסיקט אשווארצע קאץ · אונ נאך אזעלכע זאכין · אונ האט
גיזאגט אסך השבעות · אונ האט משביע גיוועזין דעם אשמדאי ער זאל
ניט מויק זיין ארויש בייענדיק · אונ ער האט זיך געשטעלט אונטער
דיא מחיצה · אונ האט מיט דעם אשמדאי גימאנעט אונ זייער
שטארק זיך געדונגין איבער דעם יאנקילען · קורץ דער אשמדאי
האט גיגעבין אנשריי ימער ניט גירעט · ער מוז זיך טיילין זיין
פערמעגין מיט דעם טייוויל אויף דיא העלפט · יאנקיל איז געשטאנין
צו שרעקין אונ צו מישט · זעהענדיק אונ הערענדיק אזוי אשצענע ·
אונ נאך מערער איז ער פערווירט געווארין וויא ער האט דער
הערט זיין פסק איז ער גאר אין חלשות גיבליבין · דער בעל שם
אין ארויש צו אים אונ האט אים געזאגט שרעק זיך גאר ניט פאר
זיין פסק · ער האט שליטה איבער דיר · אונ איך איבער אים !
איך וועל אים אריין לייגין אין חרם · וועט ער שוין אנדערש רידין ·
יאנקיל איז גיווארין מלא שמחה · דאש הערינדיק · איינש · צו
זעהן די מפלה פון דעם אשמדאי · צווייטינש · אחרם קאשט דאך
קיין געלד ניט · לנגע יארין איידי גאט זאל אייך טאקע באצאהלין



(בטבע איז ער אויף גאנטש געלד ניט קארג גיוועזין) · וואש דארף
איך איצטער טאן ? פרעגט יאנקיל · איהר קענט זיך גיין צו הויז
רוהיג שלאפין · נור ברייננט פריער די קטורת וואש מען דארף
צום חרם · זאלט איהר לעבין איך ווייש ניט וואש דאש איז אזעלכע
קטורת ? דאש איז · צוויי הונדערט אכט אונ פערציג קערבליך ·
וויפיל דער ווארט חרם באטרעפט · עש איז אים אפילו ווייטער
פנגשטער גיווארין אין דיא אויגין הערינדיק דעם באור פון קטורת ·
ער טרכט זיך · עש איז שוין צוריק פופציק יאר וויא איך זאג אלע טאג
קטורת אונ איך האב קיין מאל דעם פשט ניט גיוואושט · פון
דעסטוועגין בין איך יוצא גיוועזין אונ האב גיקאנט דורך לעבין
מיין וועלט אזוי אויך · אונ יעצט זאל מיר עש אזוי אשטיק געלד
קאשטין ! דאך אבער האט אים גיפרייט אז ער פטערט אב מיט
אזוי פיל · עש איז דאך ווייניגער אלם אהאלבער פערמעגין זיינער ·
אונ איז אלזא גילאפין צו הויז אונ האט דאש געלד גיבראכט מיט
בלוטיגע טרערין האט ער זיך מיט זייא געשיידעט · אונ האט זייא
גוט בעוויינט · אונ אב גיגעבין דעם בעל שם פאר דעם טייוויל · דער
בעל שם האט גינומען דאש געלט אונ האט זייא גישטויסין אין
אשטייסיל · אונ האט זייא נאך הער געטובילט · אונ האט גיזאגט
אויף זיי אלחש · אונ נאך הער האט ער ארום גידרייט מיט זיי ארום
דעם קאפ פון יאנקילען · אונ האט געזאגט זה כפרתך וכו' · אונ
נאך הער האט ער אויש גיזאגט דעם חרם אויף דעם אשמדאי · אונ
האט אים משביע גיוועזין דאש ער זאל זיך ניט אן רירין אן יאנקילן
אונ זיין הויז גיזינד · אדער אן זיין געלד · אונ דאש גלייכין זיינע
אלע רוחות אונ שדים טארין קיינער זיך אן אים ניט אן רירין · דער
אשמדאי האט אויף זיך אלעש מקבל גיוועזין איבער גיוואלד · אונ
האט זיך פון אונטער דער מחיצה אב גירופין אאזן וואספו נגד מיט
דעם תנאי דאש איך זאל קאנען דורך קריכין דורך דיא גאזלעכער
פון דעם יאנקעלען · אנדערש ניט · יאנקיל איז גיווארין אטויטער
וויא ער האט דאש דער הערט · א ! רבי לעבין ! וואש זאגט איר

דער צו ! עס איז שלעכט בהגדה · איין זאך מוז איך איר נאך געבין
וויא מיינט איר קען עס מיר וואס שאדין ? ניין ! נו ! דיא נאזע
ווירד אראפ פאלין ! א ! רבונו של עולם ! וויא הייסט עס ! ביי אייך
ווערט עס אויש עפעס אקליניקייט דיא נאזע ! נוא יא ! עס איז
צוואר ניט קיין קליניקייט : אן אנאזע איז מען נור אהאלבער
מענטש אבער אלץ בעסר אלס שטארבין · נאיז חלילה ניט עם וואס
מעהר סכנה דא דער ביי · שווייגט דער בעל שם · ווארום רבי
שווייגט איר · ניין איך קען אייך ניט זאגין · אבער אום גאטעס
ווילין איך מוז דאך וויסין · פיליכט קען איך זיך העלפין · ביא
מיין ליבער · איר קענט זיך העלפין אבער דאס מוז מייסטער גרויס
מיהע קאסטין ! אויך מיהע איז יאנקיל גאר ניט קארג אונ זאגט אלזא
רבי ! הצלת נפשות איז דאכט זיך ניט קיין קליניקייט · עס איז ווערט
מיהע אויך צו געבין דר צו · ניין מיין קינד · דיא סכנה איז שוין
ניט מער אין נפשות · נור אין איין נאזע מיט · מיט וואס נאך
רבי ! נאך וויניג · דוא ביסט אקינד · אנאזע איז גאר ניט אזוי
אגרויסער אינטערעס · עס שטערט ניט צום גישעפט צום האנדיל
ווען מען האט ניט קיין נאזע · אבער דיא רעכטע האנד א ! דאס
איז אשאדין : דער אשמדאי · וויל איר דורך אויש מיט געבען נוייל
דוא האסט איר צו גימאכט פון צו געבין צדקה אונ פדיון · א !
גיוואלד ! מיין רעכטע האנד ! מיר דאכט אזא ווערט שוין איין
ניצוניג (פון שרעק האט אים קראמפף גיהאפט אין האנד) ניין מיין
קינד ! עס האט נאך צייט ביז נאכט · קענשט זיין רוהיג · געוואלד
רבי ! וואס טוט מען ! ראטעוועט ! וואס וועל איך מאן אן אהאנד
אונ אן אנאזע · אויך וואסער גליד ווילסטו עס אויש בייטן · איך
ווער דיא זעהן דארין דיר צו העלפין א ! וויי ! וואסער גליד איך וועל
אים אוועק געבין וועל איך אלץ אומגליקליך זיין · ווייסטו וואס מיין
קינד · איך וועל פועל זיין אויש צו בייטין אויף איין הייבש נאזע
אדער אויף איר רעכטע האנד · וואס זאל איך טאן · אלץ בעסער
וויא מיינע · דאס מוז אבער קאסטין דריי מאל הי׳ קערבליך ? דאס
הייסט



הייסט פיר אונ פופציג קערבליך · דאס איז נאך ערגער וויא דיא
ווייבס נאזע · אבער וואס קען עס העלפין ער לויפט אונ ברייגגט
דיא פיר אונ פופציג קערבליך אויך · נון זאגט ער ביסטו שוין פרייא
אונ האט אים מיט גיגעבין אקמיע אפין האלז ביין הארצין זיבין יאר
צו טראגין · אונ האט אים בשלחת ביוועזין צו יהודי · אונ הייסט אים
זיין פרויא שטאט אים שיקין · ער שיקט זיין פרויא אונ זאגט איר
קיין מעשה ניט קיין ספור פון דעם הילוך · זיא גלויבטע דאס נור
צום עמפפאנגען אקמיע פון בעל שם האט ער איר געשיקט · זיא
איז גיגאנגען פריילך אונ קומט בשמחה צום בעל שם :

אט בין איך רבי ! לאנג-לעבין זאלט איר וואס איר האט
אונז גערעטירט · איבער הויפט מיין מאן וואס ער האט שוין גאר
זיינע כוחות פאר לארין פון שרעק · ווער וואלט פירין ביייא אונז די
שטיקיל ווירטשאפט ווען ניט ער :

א ! איר זייט איין אשה חשובה אז ביייא אייך איז רעכט אזו
איין זאך פר אייער מאן צו טאן וועט איר בוודאי האבין עולם הבא:

הא ! רבי ! וואס פאר איין זאך מיינט איר ? זאלט איר
גיזונד זיין · דיא זינד שרעקין אונז אז מען טראכט שוין איבער
וואס קיין שונא קען שוין גאר ניט טראכטין :

וויא הייסט עס ! האט אייך אייער מאן ניט פאר צייילט פון
דעם הילוך וואס ער האט גימאכט ·

וואס איז דאס רבי · פרעגט זיא ערשראקענער הייט :

שטייך · ער האט אוועק געבין דעם אשמדאי אייער נאזע
פאר זיינעם · אדער אייער רעכטע האנד פאר זיינע · אונ איר מוזט
באלד איינע פון דיא ביידע אונ אפשר גאר ביידע זאבין אויף איין
מאל פערלירין :

א ! יאקיל האט מיר ניט גישאסין ! רבי ! ראטעוועט ! צי איז
ער שכור צי משוגע · אצרה ! אגזירה ! גיוואלד :

נוא ! וויא דען האט ער גיוואלט טאן · מהסתם האט ער זיך
העלטער אלס אייך !

אלע

אלע צרות אונ אלע יסורים אלע ווייטיג צו זיין קאפ צוא זיך ליב אונ לעבין אז ער טוט אזו · ווער איך אים אין נאכציגן אחעק געבין פיר מיין נאזע :

ניין ליבע פרויא · איצט העלפט שוין ניט אייער חלוף · גימאכט איז גימאכט. נוא שלאגין זיך קאפ אן דער וואנד גוא ווייגען אונ שרייען אין הימיל אריין :

רבי! זייט זיך מרחם איבר מיינע יארין · גיוואלד ערבארימט זיך איבער מיר! אפשר וועט קענען געלד העלפין דער צו · איך וועל ניט זאליוועין · איך בין ניט מיין מאן דער אכזר :

אוודאי קען צדקה פיל העלפין :

נוא רבי לעבין זאגט נור וויפיל ?

וויפיל עס באטרעפט אייער נאמען וויכגע · אום אייך אויש צו לייזין · דאש הייסט אין גאנצין צוויא הונדערט מיט צעהען רובּיל. (הער בעל שם האט ניט נוט גיקאנט אזוי לייכט איז אלזא אויש גיקומען דיא גימטריא אזוי פיל).

זיא מאכט גאר קיין שאלה ניט אונ לויפט אוועק צו הויז · אונ גיט דיא ערשטע זאך דעם מאן מיט אוואלגער הארץ אין קארק עטליכע נוטע קלעפ · ער האט עש אבער מקבל באהבה גיוועזין · ער האט גירעכינט וואש טוט מען מיט אביטערע הארץ · זיא איז דאך פאר זיך גירעכט · אונ איז אריין גילאפין אין שלאף צימער אונ האט דארטין ארויש גיחאפט פון אירע בעהעלטנישע צוויא הונדערט מיט צעהן רובּיל · אונ איז גילאפין צום בעל שם · צוריק לויפינדיק האט זיא נאך גיחאפט אפאמוניצע אונ ארויף גיגאסין אויף איר יאנקילעכין · אונ איז אזוי אנטלאפין צום בעל שם אונ האט אים אב גיגעבין דאש געלד · ער האט איר גיגעבין צוויא קמיעות צוא טראגין ביים יאהר : אונ זאגט איר דאש דיא נאכט וועט ער קומען ביים זיי געכטיגין · אום אב צוא טרייבין דיא מזיקים · זיא זאלין מערער קיין שליטה ניט האבין אויף זייער גאנצין הויז :

נו וועלין מיר לאזין יאנקילען מיט דיא וויכגע צו הויזע





קריגין זיך דיק אונ אונטער שלאגין זיך דיק · אונ לאמיר אביטונג געבין אויף אונזערע בעלי שמות וואש זייא טוען · דער שניאור בער איז אוועק צוא ר' אהרלען אונ זאגט אים ר' אהרלע איך האב גיפאקט יאנקילען דעם שצאפיק · איך האב אים שוין פאר דעם קאפ זייער פעקט אונ גוט.

וויא אזוי פארט ?

איך וועל אייך דער ציילין וויא שניאור בער גיט זיך איין עצה מיט אזעלכע לייטין · איך האב מטריח גיוועזין מיין עלטער אונ בין גיגאנגין צוויא נעכט אין רעגין אונ ווינד · אונ האב אים גימאכט אשיינע שטוצקע · ער האט זיך צוא קראצין ·

וואש האט איר פארט גימאכט ליבער פריינד ?

איך פלעגמיר דורך שטעקין דיא האנד דורך דעם קליינעם פענשטעריל וואש איז אנטקעגין זיינע זארנעש אין פארהויז · אונ פלעג דרייען דיא זארנע · ביז זייא זאלין זיך גוט דער שרעקין · אונ האב גימאכט נאך פיינע זאכין (קורץ ער האט אים דער ציילט אלעש וואש אונ וויא ער האט דארטין גיטאן ביי נאכט) אונ עש האלט שוין אז ער באט מיר שוין הונדערט רובּיל · אונ איך וויל ניט נעמען ווייניגער אלס פינף הונדערט רובּיל · עש פעלט מער ניט נאך איין נאכט אזוי צוא מאכין · וועלין זייא אונז מוזין זעקש הונדערט רובּיל געבין ·

זייער גוט האט איר גיטאן כיין ליבער ר' שניאור בער! קלוג! קלוג!

ניטא וואש צו ריידין · אבער ר' אהרלע היינטיגע נאכט מוזט איר אליין זיך מטריח זיין אונ גיין · ווען איך בין שוין מיד פון דיא צוויא נעכט · אונ אין אייער אנבאי וויל איך זיך ניט אין טרויען פאר קיין פאל · דא איז דאך איין ארט וואו מען קאן אנראכין תאפין אונ ארעכטין גראסין · וואש עש איז אויך ווירקליך אבצווה פון אזוי אהנגט ארויש צוא רייסין פון זיין מויל וואש מיגליך איז · [illegible]יא וואול! גאנץ ריכטיגעש איז ביי מיר אויך פאר דיא

גרעסטע מצוה פארעכנט פון די חזירים ארויס צו קריגן וואש
מעגליך : אונ איך וועל טאקע איין גיין צוא דער מצוה · ווי דיא
גמרא זאגט · מצוה בו יותר מבשלוחו : (דאש הייסט וואש מען קען
אליין טאן איז מער מצוה צוא טאן אליין אלס דורך א שליח) : קורץ
ביא נאכט איז זיך ר' אהרלע אוועק גיגאנגען צו יאנקלס הויז · אין
דער פינשטערנעש אינ אין רעגין אונ קויט · אונ איז זיך צוא
גיגאנגען צום פענשטעריל · אונ האט ארין גישטעקט דיא האנט
אונ האט גידרייט דיא זארנע מיט גרויש קראפט · שניאור בער איז
אבער גיזעסען ביא יאנקלען אין הויז ווייא ער האט פאר שראבין ·
אונ האט זייא אלימען אן געזאגט זייא זאלין זיך ניט שרעקין ווען
זייא וועלין דער הערין עט וואש · אונ האט אן גיגרייט צווייא וויכטיגע
יונגען · זייא זאלין זיין פארטיג צו זיינע גיבאט · ווי עש האט דא אן
גיפאנגען הוישין פון דיא זארנעש · האבין זיך דער עולם אביסיל
דער שראקין אבער דאך ווייניגער אלס געשטערין אונ פאר נעכטערין
ווען זיי האבין דאך דא דעם בעל שם · ר' שניאור בער האט גיגעבין
אוואונק צו די ביידע יונגן · זיי זאלין פאר ציען דיא פעטלע (דאש
הייסט דעם שלייף פון א שטריק) פון דיא שטריק וועלכע ער האט
איך איבער דעם פענשטער פאר צויגין אונ האבין אלזא ארין גיחאפט
אין דיא פעטלע דיא האנד וועלכע זיא דרייט דיא זארנעס · אונ
האבין דיא שטריק גיצויגין אין דער הויך אום ער זאל שוין די האנד
ניט קאנען צוריק ארויש ציהען · אונ שניאור בער האט איבער
גינומען דיא שטריק אין זיין האנט אונ דיא צווייא יונגען זיינען
ארויש גילאפין אין דרויסין צו חאפין דעם דרייער · דען אזוא האט
זייא גיהייסין שניאור בער · ר' אהרלען איז דא גיווארין זייער
ביטער · ער האט דא דער זעהן זיין ביטערין סוף · ער האט אן
גיפאנגען צו שרייען גיוואלד אבער עש העלפט גאר ניט · די צווייא
יונגען האבין אים גיחאפט אונ ארין גישלעפט אים מיט זיין גיוואלד
צוא זאמען מיט דיא אשעפס אין שטוב · נון ביים ארויש ר' שניאור
בער אונ זאגט צוא אים · דוא ארקע ! דוא שוואלעץ ! דוא מאכסט

עש



עש אזעלכע בעטריגעריא · שלאגט אים קינדערע הרחת גים וויפיל
עש ווערט ארין אין אים · א ! דוא בעטריגער דוא ביסט דאש א בעל
שם ! דוא שפיץ בוק ! א ! איך וועל שוין נעמען פון דיר נקמה · אונ
דא קלאפין חברה וויפיל זייער הארץ גילוסט · אהרלע הויבט זיך
אן צוא בעטין זעט זייט זיך מרחם אויף מיר איך בין ניט שולדיק !
וואש דוא ביסט ניט שולדיג רשע ווען דוא וואלסט ניט גיוועזין
קיין רשע וואלסטו ניט גיווארין א שליח פון דעם אשמדאי · ער
ליגט שוין לאנג אין חרם · נון ביסטו גיווארין זיין שליח מוזט
אויך ליגין איאר אין חרם · אונ דוא מוזט דא איאר צוא געשמיט
ווערין ביא דיא זארנעס אונ מאלין טאג אונ נאכט · אונ אויב עס
ווערט ווער עש איז דיר אב לאזין ווערט יענער גלייך זיין אויף דיין
שטעל אין חרם · אונ ווערט גלייך איבער גיגעבין ווערין אין
אשמדאים הענד · מען האט אים אן געשמיט דיא לינקע האנד אן
וואנט לעבין דיא זארנעש אונ איז גישטאנען איאר ביא דיא
זארנעש אונ האט געמאלין · דיא עטליכע טויזענד רובל וועלכע
מען האט ביא אים געפינען האט מען צו טיילט ארימע לייט אונ ר'
שניאור בער וואר אויך איינער פון דיא מחלקים אונ גלייך צייטיג פון
דיא מקבלים · אין שטעטיל זיינען גיוועזין פיל מענשין וואש האבין
גיוואלט אים אפ שלאגין פון דיא קייטין · אבער זייא האבין
גיפירכטעט פאר דעם פסק פון דעם וואלטין בעל שם · זייא האבין
דאך גיזעהן · אז דער אמת ליגט פארט ביא דיא עלטערע וועלט ·
אונ ער איז טאקע ווירקליך א גרויסער בעל שם ניט קיין אנדערער ·
יענעם אבער לאמיר אים לאזין מאלין אין דיא זארנעס · ער
איז חורט ·

לעזער ! איר הערט דיא קולות אונ דעם גערויש פון דיא
זארנעש ? עס ווערט באלד שטיל ווערין · אין אנדערע צייטין קענען
דיא שדים ניט בעשעפטיגין א בעל שם אין זארנעש צום מאהל ·
בעונותינו הרבים דיא נייע וועלט האבין שוין גאר האלב
מבטל גיוועזין דיא שדים · אונ דיא בעלי שמות זיינען אלזא
גיבליבין